STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09648

OYSGETRAKHTER EMES

Grigorii Tsepliovich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי צעפּליאָוויטש

*

אויסגעטראַכטער אמת

צבי צעפּליאָוויטש

אויסגעטראַכטער אמת

(דערציילונגען)

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
תשל"ד — 1974

TSVI TSEPLOWITSH

Oisgetrakhter Emes

צבי צעפּליאָוויטש / אויסגעטראַכטער אמת

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל-אביב

"Hamenora" Publishing House
24, Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

©
Printed in Israel 1974

סידור: משה חמיאל הדפסה: „חבצלת״, הרצליה

פאַר מיין פרוי
ג י ט אַ
מיט ליבשאַפט

בלומען

יעדן טאָג פּלעג איך טרעפן אין גאַס אַן איינ־געהויקערטע אַלטיטשקע מיט פרישע בלומען אין די הענט.

איך האָב נישט געוווּסט ווער זי איז און וווּהין זי גייט. צי איז זי אַ בלומען־פאַרקויפערין? אָדער קויפט זי זיי פאַר וועמען?

איך בין שוין אַזוי געווען צוגעוווינט צו דער אַלטיטשקער, אַז איך האָב זי אַנדערש נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי מיט לעבעדיקע בלומען אין די הענט.

איר עקזיסטענץ איז געוואָרן פאַר מיר אַ נאָרמאַלע דער־שיינונג, איך פלעג זי זען און כמעט ווי נישט באַמערקן.

מיר האָט אַפילו נישט געשטערט דער קאָנטראַסט צווישן די יונגע פרישע בלומען און איר אַלטן צעקנייטשטן פּנים.

אירע אויגן האָבן געקוקט אָן שום אויסדרוק. לויטן גרי־מאַס פון אירע ליפּן האָב איך קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין צי זי וויינט אָדער זי שמייכלט.

נאָר איין מאָל האָב איך זי דערזען אויפן בית־עלמין. זי איז געזעסן ביי אַן אַלטן קבר און האָט מאָדנע געשמייכלט. אירע פרישע רויטע בלומען זענען געלעגן צופוסנס פון אַן אַלטן מצבה־שטיין מיט אויסגעבלייכטע פון יאָרן אותיות.

עפּעס אַן אינערלעכער כּוח האָט מיר געצוווּנגען אָפּצושטעלן זיך און אויסלייענען די אותיות. דאָס איז געווען אַ קבר פון אַ צוואַנציק-יאָריקן בחור, וואָס איז געשטאָרבן בערך מיט פופציק יאָר צוריק.

— דאָס איז איר זון — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

אָבער באַלד האָב איך דערפילט די זינלאָזיקייט פון דעם געדאַנק. אַ דערוואַקסענער זון מיט פופציק יאָר צוריק? דאַן איז זי דאָך אַליין אַלט געווען אומגעפער צוואַנציק יאָר.

און איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען. מיין פאַנטאַזיע האָט אויפגעמאָלט אַ לעבעדיקן בילד:

זי איז יונג און זי ליבט. זי ליבט נאָר אים, דעם יונגן שיינעם בחור. און ער שטאַרבט. צוזאַמען מיט אים שטאַרבט פאַר איר די גאַנצע וועלט. אין איר לעבן בלייבן פרישע, אָבער שוין איינגעוואָרצלטע, געפילן פון שטאַרקער אומפאַרגעסלעכער ליבע און אויך זכרונות. אַ סך זכרונות: שלאָפלאָזע נעכט, ברענענדיקע קושן, זיינע שטאַרקע הענט, וואָס פלעגן באַקעמפן איר שוואַכן קעגן-קאַמף, און עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קאָן נישט און מען טאָר נישט דערציילן.

און דאָס יונגע מיידל האָט מיט איבער פופציק יאָר צוריק צום ערשטן מאָל אַוועקגעלייגט אויפן פרישן קבר פרישע לעבעדיקע בלומען.

זי האָט דאַן געגעבן אַ שבועה לעבן נאָר מיט אים, דאָס הייסט, מיט די זכרונות.

און יעדן טאָג, אין היץ, אין רעגן, פלעגט זי ברענגען אים לעבעדיקע בלומען און רעדן מיט אים, דערציילן אים נייעס, אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, אַרום איר, אין לעבן.

און שטיל, כּדי, חלילה, קיינער זאָל נישט הערן, פלעגט זי אים דערציילן אירע געהיימע זאַכן — איר חלומען נאָך זיינע קושן, איר בענקען נאָך זיין קערפּער.

עס זענען געגאַנגען טעג, חדשים, יאָרן. מיט יעדן יאָר פלעגט זי ווערן עלטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גראָע האָר אין איר שוואַרצער פריזור, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען יונג, פּונקט אַזוי, ווי דאַן. און ס'זענען פאַרביי צוואַנציק יאָר, זי האָט שוין נישט געקאָנט מיט אים רעדן וועגן אירע געהיימע זאַכן. זי האָט זיך געשעמט. ער איז דאָך פאַר איר פּונקט ווי אַ זון, אַזוי יונג. און זי פלעגט פון אים פיל זאַכן באַהאַלטן, פאַרבאָרגן. דאָס זענען געווען שוין אירע סודות. נישט דערפאַר, ווייל זי האָט אים נישט גע-טרויט, נאָר זי איז געווען פיל עלטער פון אים, און ס'האָט פּשוט נישט געפּאַסט.

זי האָט נישט חתונה געהאַט און איר האָט זיך אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז דאָ ליגט איר זון. דאָס איז געווען נענטער פאַר אירע געפילן. זי פלעגט שוין ברענגען צוזאַמען מיט אירע בלומען איר מוטערלעכע ליבע.

עס זענען אַוועק נאָך אַ סך יאָרן. היינט איז זי שוין זייער אַלט, און ער איז געבליבן יונג. זי פאַרשטייט, אַז ער קען נישט האָבן אַזאַ אַלטע מאַמע. נו, קלאָר! זי איז זיין באָבע. אַ באָבע, וואָס האָט אַ מאָל פאַרלאָרן איר איינציקן אייניקל. עס דאַכט זיך איר, אַז יענער יונגער מאַן, וואָס פלעגט זי אַ מאָל קושן און זי פלעגט פאַרלירן איר באַ-וווּסטזיין אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, איז געווען איר מאַן. און זי האָט דאַן געבאָרן אַ טאָכטער, וואָס פלעגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק קומען אַהער מיט בלומען אויפן קבר פון איר, דער אַלטיטשקערס, אייניקל.

עס האָט זיך אַלץ פאַרפלאָנטערט אין איר קאָפּ. זי ווייס נאָר, אַז אַ מאָל איז אַוועק פון דער וועלט עפּעס אַ יונגע באַשעפעניש, וואָס וועט קיין מאָל נישט אַלט ווערן, און זי איז געבליבן אין דער וועלט, און זי ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ עלטער און עלטער. אַפילו ווען זי וועט שטאַרבן, וועלן זיי זיך אויך נישט דערנענטערן, ווייל אויף די מצבה־שטיינער וועלן זיין אויסגעקריצט צוויי פאַרשידענע צאָלן, וואָס זענען ווייט איינער פון דעם אַנדערן — צוואַנציק און זיבעציק.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער אַלטיטשקערס פּנים. זי איז געזעסן און געקוקט אויפן קבר. מיר האָט זיך אָפּ־געדאַכט, אַז אין איר קאָפּ זענען נישטאָ קיין געדאַנקען, ס'איז דאָ נאָר אַ דעראינערונג נאָך אַ יונגן שיינעם בחור, וואָס איז איר זייער טייער, נאָענט. אָבער די דעראינערונג איז שוואַך און בלאַס, ווי אַן אַלט אויסגעבלייכט בילד, און זי קוקט זיך צו צום בילד, און אירע אַלטע שוואַכע אויגן קענען נישט דערזען, ווער איז דאָס — איר מאַן, איר זון, צי איר אייניקל.

איצט, ווען איך זע די אַלטיטשקע אין גאַס מיט פרישע לעבעדיקע בלומען אין די הענט, הייב איך אָן נאָך מער צו פאַרטראַכטן זיך וועגן כּוח פון טויט.

דאָס לעבן מאַכט חרוב דעם מענטשן, און דער טויט היט אָפּ זיין אייביקע יוגנט.

דער הייליקער ליגן

די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אין צימער איז שוין געוואָרן טונקל. עס האָט שוין אָנגעהויבן אַריינ-גנבענען זיך דורכן פענצטער אַ לבנה-שיין, וואָס האָט בלאַס באַלויכטן די בעטן מיט די פרויען אין דעם צימער פון שפּיטאָל.

ווי אַלע מאָל, אין דער בין-השמשות-צייט, האָט גע-דריקט אַן אומעט-שטימונג. די קראַנקע זענען געווען פאַר-טיפט אין זייערע מחשבות.

מען האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן. די קראַנקע האָבן אויפ-געוואַכט פון זייער חלומען און אַ שטילער גערויש פון באַ-וועגונג און רייד האָט אָנגעפילט דעם צימער.

נאָר איין קראַנקע, אין ווינקל, האַרט ביים פענצטער, האָט קיין זאַך נישט באַמערקט. זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. דאָ, אַרום, האָט איר קיין זאַך נישט אינטערעסירט. זי האָט געוווּסט דעם אמת. זי האָט געטראַכט, אַז איר לעבן פאַרענדיקט זיך. זי איז גע-ווען רויִק, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי מוז עס זיין. זי האָט מיט עטלעכע יאָר אַריבערגעלעבט איר מאַן און ס'איז שוין צייט מיט אים זיך צו באַגעגענען, אָפּגעבן אים

אַ דין-וחשבון. און וואָס צו דערציילן איז געווען נישט ווייניק. זי זאָל נאָר קיין זאַך נישט פאַרגעסן. דער עיקר — וועגן זייער זון.

אירע געדאַנקען זענען אַריבערגעשפּרונגען אויף דאָס טייערסטע, וואָס איז געווען אין איר לעבן — אויף איר זון.

און עס שווימט אויף אין איר זכּרון אַ פאַל, וואָס איז געשען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, ווען ער איז געווען גאָר אַ קלייניינקער, אים איז דאַן געווען, אפשר, דריי יאָר.

זי איז געקומען פון דער אַרבעט אַהיים און האָט דערזען, אַז איר טייערע אַנטיק-וואַזע איז צעבראָכן.

„ווער האָט עס צעבראָכן?" — האָט זי שטרענג געפרעגט.

און ער, איר ייִנגעלע, איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קעפּעלע, דאָס אונטערשטע ליפּעלע האָט ביי אים געציטערט, און זי האָט געפילט, אַז אָט-אָט וועט ער אָנהייבן צו וויינען.

אָבער זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און נאָך שטרענגער געפרעגט: „ווער האָט עס צעבראָכן?"

ער האָט געשוויגן און זי האָט געוואַרט. זי האָט דערפילט, אַז ביי איר ציטערט אויך, פּונקט ווי ביי אים, איר אונטערשטע ליפּ און זי, אויך ווי ער, שטאַרקט זיך, כּדי נישט אָנהייבן צו וויינען. און נישט דערפאַר, ווייל איר האָט פאַרדראָסן די וואַזע, נאָר ווייל זי איז געווען איבערצייגט, אַז אָט דער קליינער וועט באַלד זאָגן זיין ערשטן ליגן אין לעבן. זי איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט איר באַלד דערציילן, אַז די קאַץ האָט עס געטאָן.

זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט אַ שטאַרק-קלאַפּנדיק האַרץ און געוואַרט.

איר מוח האָט געבויערט נאָר איין געדאַנק: ער טאָר נישט ליגן זאָגן, ער מוז זאָגן דעם אמת.

און מיט אַ מאָל האָט זי דערזען, ווי ער הייבט אויף זיין געלאָקט קעפעלע, גיט אַ קוק מיט זיינע העל-בלאָע אייגעלעך גלייך אין איר פנים אַריין און זאָגט: „איך האָב עס געטאָן, מאַמע!״ און ברעכט אויס מיט אַ געוויין.

און איצט, ליגנדיק אויף איר בעט אין שפּיטאָל, דער-מאָנט זי זיך אָן זיין צעשראָקן פּנימל און הייבט אָן צו שמייכלען.

ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. ער האָט בלויז נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס די מאַמע שרייט נישט אויף אים, פאַר וואָס זי קושט אים און וויינט מיט אים צוזאַ-מען. — — —

מ׳האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. געבראַכט עסן. זי האָט אַלץ אויפגעגעסן, זי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, ווייל באַלד, נאָך דער אַרבעט, וועט קומען איר זון. און וואָס אָפּטער ער קומט, און וואָס שפּעטער ער זיצט מיט איר, איז אַלץ בעסער, ווייל ס׳איז געבליבן זייער ווייניק צייט אים צו זען.

זי דערמאָנט זיך, אַז ווען איר זון איז שוין געווען אַ בחור, פלעגט ער אַלץ אָפטער אַוועקגיין פון דער היים. ער האָט געהאַט חברים, און אפשר חברטעס.

איין מאָל האָט זי זיך נישט איינגעהאַלטן און אים גע-פרעגט, צי ער איז נישט פאַרליבט.

זי פאַרשטייט אַליין נישט, פאַר וואָס זי האָט עס גע-טאָן. אפשר פון אייפערזוכט און אפשר האָט זי געוואָלט נאָך אַ מאָל אויספּרובירן אים, צי ער וועט איר נישט זאָגן קיין ליגן.

ער איז געוואָרן רויט און האָט ווידער געזאָגט דעם אמת: „יאָ, מאַמע, איך בין פאַרליבט".

און איר האָט שוין דאַן נישט אינטערעסירט, ווער איז זי — זיין געליבטע — אַ שיינע, אַ מיאוסע, אַ קלוגע, אַ נאַרישע. זי איז געווען גליקלעך. איר זון זאָגט איר אַלע מאָל דעם אמת.

זי איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. אַ בילד נאָך אַ בילד פון איר לעבן האָבן זיך געביטן אין איר זכרון. און אַזוי ליגנדיק האָט זי דערפילט, אַז ער איז שוין געקומען. זי האָט נישט תיכף געעפנט די אויגן. פונקט, ווי אַ מאָל, ווען ער איז געווען אַ קליינינקער, האָט זי זיך מיט אים געשפילט, געמאַכט זיך, אַז זי שלאָפט. און פונקט, ווי אַ מאָל, האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט און געעפנט אירע אויגן.

ער איז געשטאַנען לעבן איר, אַ הויכער, אַ שיינער, און געקוקט אויף איר. אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ שמייכל, אָבער דער שמייכל איז געווען נישט קיין נאַטיר-לעכער, אַ געמאַכטער. דאָס איז געווען אַ טרויעריקער שמייכל.

ס'איז קלאָר! ער האָט דאָך געוווּסט דעם אמת.

ער האָט זי אַ קוש געטאָן און גערעדט מיט אַ פריילע-כער שטים. ער, דער נאַרעלע, מיינט, אַז זי ווייסט נישט. און זי האָט צו אים געשמייכלט, כּדי ער זאָל נישט פאַר-שטיין, אַז זי ווייס דעם אמת. עס זאָל אים נישט ווי טאָן.

און מיט אַ מאָל האָט אַ מאָדנער אומגעלומפּערטער געדאַנק דורכגעקבערט איר מוח: זי גייט דאָך אין גיכן אַוועק פון לעבן און זי מוז וויסן גענוי, צי זי לאָזט איבער איר זון אויף דער וועלט פונקט אַזאַ ערלעכן, ווי פריִער. ער האָט איר אַלע מאָל געזאָגט דעם אמת.

און זי האָט אים געפרעגט:

„זון מיינער, זאָג מיר דעם אמת. איך וועל אין גיכן שטאַרבן? דו ווייסט דאָך! זאָג מיר! דו האָסט דאָך מיר קיין מאָל נישט געזאָגט קיין ליגן".

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר אירע ווערטער, און פונקט, ווי אַ מאָל, האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו ציטערן די ליפּן.

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר אירע ווערטער, און אויף זיין צעשראָקענעם פּנים, פונקט ווי ביי איר, האָט געציטערט די אונטערשטע ליפּ.

זי האָט געטראַכט נאָר איין זאַך: זאָל ער נאָר נישט זאָגן קיין ליגן!

און מיט אַ מאָל האָט זי דערזען, ווי זיינע העל-בלאָע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו לייכטן און לאַכנדיק האָט ער איר געזאָגט:

„וואָס רעדסטו, מאַמע! פון וואַנען נעמסטו זיך עס? איך האָב ערשט היינט גערעדט מיטן דאָקטאָר און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דו וועסט אין גיכן געזונט ווערן".

אין צימער איז געוועזן שטיל און זיי ביידע האָבן געשוויגן, פאַרטיפט יעדער אין זיינע געדאַנקען.

„הייסט עס, ער האָט מיר געזאָגט אַ ליגן" — האָט זי געטראַכט. „הייסט עס, איך האָב אין אים געהאַט אַ טעות!"

אָבער פאַר וואָס איז זי אַזוי גליקלעך?

ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ הייליקער ליגן. דער ליגן איז געוועזן דער גרעסטער אמת אויף דער וועלט, ווייל ער איז געקומען פון גרויס ליבע צו איר.

כּדי זי צו באַרויִקן, האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן איר געזאָגט ליגן.

און ער איז אויך געווען גליקלעך, זעענדיק, ווי זי שמייכלט אַ צופרידענע.

זי האָט אים אויך אָפּגענאַרט. ער האָט געמיינט, אַז זי האָט אים געגלויבט.

דער גליקלעכסטער

ווען איך הייב אָן צו דערמאָנען מיינע קינדער־יאָרן און דאָס שטעטל, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן, דערזע איך גלייך פאַר מיינע אויגן דעם שטאָט־משוגענעם (וועלכעס שטעטל האָט נישט איר אייגענעם משוגענעם?).

אָט דעם משוגענעם מיטן נאָמען מוליע האָב איך זייער ליב געהאַט. איך, אַ זיבן־יאָריק יינגל, האָב נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס מען האַלט אים פאַר אַ משוגענעם. אויך מוליע האָט אַרויסגעוויזן צו מיר סימפּאַטיע און פלעגט מיר פאַרטרויען זיינע סודות.

פאַר מיר איז מוליע געווען קלאָרער און קליגער פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט. אין זאַך פלעגט פאַרביטערן אונדזער חברשאַפט — מיינע עלטערן פלעגן מיר נישט דערלויבן מיט מוליען אַפילו צו רעדן. ערשטנס, האָבן זיי מיך געמוסרט, איז ער אין דרייען עלטער פאַר מיר און, צווייטנס, איז ער אַ משוגענער.

דאָס ערשטע האָט מיר אין גאַנצן נישט געשטערט, און דאָס צווייטע, האָב איך געטראַכט, איז נישט אמת; מוליע איז נישט קיין משוגענער. אָבער זאָגן מיינע עלטערן, אַז ס׳איז נישט אמת, האָב איך נישט געוואַגט.

מוליע איז געווען אַ שיינער. ער האָט געהאַט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, ווייסע ציין און גרויסע העל-בלאָע אויגן. ער איז שטענדיק געווען ראַזירט און עלעגאַנט געקליידט, פון זיין טאַשן-טיכל האָט געשוועבט אַ זיסער ריח פון פּאַרפום.

עס געשעט אָפּט, אַז אין אַ פרילינגטאָג גיט דיין באַק אַ גלעט אַ האַלב-וואַרעם ווינטעלע, און מיט אַ מאָל דער-מאָנט עס דיר עפּעס פון אַ זאַך אָדער אַ געשעעניש פון אַ מאָל, וואָס דו האָסט שוין לאַנג פאַרגעסן; דו דערמאָנסט זיך דאָס דערפאַר, ווייל יענער פאַל איז אויך געשען אין אַ פרילינגטאָג און אויך דאַן האָט דיינע באַקן געגלעט אַזאַ האַלב-וואַרעם ווינטעלע.

און צוליב אָט דער טבע דערמאָן איך זיך וועגן מוליען אויך דאַן, ווען אַ זיסער ריח פון פּאַרפום הייבט אָן צו קיצלען מיינע נאָזלעכער.

מוליע האָט מיר אָנפאַרטרויט אַזעלכע סודות, וואָס ווען איך דערצייל זיי, וואָלטן די הערער געוואָרן אַנט-שטוינט.

איך האָב געוווסט (און נאָר איך האָב געוווסט), אַז מוליע איז דעם קיסרס אַ זון. ווען ער איז געווען אַ קליי-נינקער, האָט אים אַרויסגעגנבעט פון זיין בעטעלע אַ ציגיי-נערקע, וואָס האָט אים פאַרקויפט דעם יידישן בלעכער, וואָס אַלע מיינען, אַז ער איז מוליעס טאַטע. נאָר באמת האָט דער בלעכער נישט געהאַט קיין אייגענע קינדער און ער האָט אָפּגעקויפט מוליען ביי דער ציגיינערקע. אין קע-ניגלעכן בעטעלע האָט די ציגיינערקע אַוועקגעלייגט איר אייגן קינד. זי האָט דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט, אַז איר זון זאָל ווערן אַ קיסר און דאַן וועט ער

באַפרייען פון די טורמעס אַלע ציגיינערס, וואָס האָבן גע-
גנבעט פערד.

איך האָב מיט יראת-הכּבוד געקוקט אויף מוליען, וואָס
הייסט אין דער אמתן אַלעקסיי און אין זיין קערפּער
זענען געווען, פּונקט ווי בײַ אַלע קיסרים, שניי-ווייסע ביי-
נער און אין די אָדערן האָט געפלאָסן העל-בלאָ בלוט.

איך פלעג מקנא זיין מוליען, נישט דערפאַר, וואָס ער
שטאַמט פון קיסרים, נאָר ווייל, פון איין זייט, איז ער
געווען אַ ייד, ווי איך, און האָט געדאַוונט, געפאַסט יום-
כּפּור און פאַרדינט עולם-הבא, אָבער פון דער אַנדער זייט,
איז ער פאָרט געווען אַ גוי און ער האָט געמעגט רויכערן
אום שבת און אַפילו עסן חזיר און קיין שטראָף דערפאַר
איז אים נישט געקומען.

יעדן שבת נאָך מיטאָג, ווען מיין טאַטע פלעגט שלאָפן,
פלעג איך זיך אַרויסגנבענען פון שטוב, די מאַמע זאָל נישט
זען, איך פלעג צולויפן צום טייכל, אַריבערגיין דאָס רויטע
בריקל און דאָרט, אויף יענער זייט טייך, אין וועלדל,
פלעגט אויף מיר שוין וואַרטן מוליע.

אין די וואָכעדיקע טעג, אָדער שבת אין בית-מדרש,
פלעגט מוליע מיר פאַרבייגיין, ווי ער וואָלט מיך נישט גע-
קענט. ער האָט געוווּסט, אַז מיין טאַטע ווערט אין כּעס,
ווען ער זעט מיר רעדן מיט אים. ער פלעגט בלויז אַ ווונק
טאָן מיט זיין לינקן אויג און איך פלעג אים פּונקט אַזוי
ענטפערן. מיין האַרץ איז געווען שטאָלץ, ווייל נאָר איך
האָב געוווּסט זיינע סודות. מיר, און נאָר מיר, האָט אַלע
סודות אָנפאַרטרויט — ער, מוליע, וועלכער איז באמת גע-
ווען נישט מוליע, נאָר אַלעקסיי, און איז געווען אַ קלאָרער,
נאָר פאַר אַלעמען פלעגט ער זיך פאָרשטעלן פאַר אַ משו-
גענעם.

דאָס האָט ער מיר אויך אַליין דערציילט און דאָס איז אויך געווען איינער פון אונדזערע סודות.

אין איינעם פון די שבתדיקע נאָכמיטאָג-שעהען, ווען איך בין געלעגן מיט מוליען אין ווערלדל הינטערן טייך, האָט ער מיר אָנפאַרטרויט זיין גרעסטן סוד.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, נאָענט צוגערוקט זיך צו מיר און שטיל אָנגעהויבן מיר צו דערציילן:

„דו ווייסט, אַז ווען אַ מענטש לעבט אָפּ זיינע יאָרן, שטאַרבט ער. און עס קען קיין זאַך אים נישט העלפן, ער מוז שטאַרבן. בלויז איך ווייס אַזאַ זאַך, אַזאַ מיטל, ווי אַרויסצודרייען זיך פון שטאַרבן. אַלע וועלן שטאַרבן, נאָר איך אַליין וועל אייביק בלייבן לעבן".

מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, ווי גרויס מוליע איז. און טאַקע, צי דען קען אַ משוגענער, נישט קיין קלאָרער מענטש, זיין אַזאַ חכם?

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיר אויך אויסגע-זאָגט דעם סוד, אָבער דאָס מיטל קען מען אויסניצן נאָר איין מאָל און עס קען ווירקן נאָר אויף אים, מוליען. ער איז זייער גליקלעך, וואָס ער וועט לעבן אייביק, אָבער איין זאַך פאַרדריסט אים: ווען איך וועל שטאַרבן, וועט ער נאָך מיר זייער בענקען. די אַנדערע מענטשן אינטערעסירן אים נישט. אים פאַרדריסט אַפילו נישט זיין ריכטיקער פאָטער ניקאָלאַי.

און קוקנדיק גלייך מיר אין די אויגן האָט ער נאָך אַ מאָל געזאָגט: „אַלע מענטשן וועלן שטאַרבן, בלויז איך ווייס אַ מיטל ווי אַרויסצודרייען זיך, נאָר, שאַ!" און ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו זיינע ליפּן. און איך האָב אויך

צוגעלייגט מיין פינגער צו מיינע ליפּן און אויך געזאָגט „שאַ!", ווי איך וואָלט געשווירן, אַז דער סוד וועט שטאַרבן צוזאַמען מיט מיר.

אָבער מוליע איז דאָך געשטאָרבן!

ער האָט זיך נישט אַרויסגעדרייט, עס האָט אים נישט געהאָלפן זיין מיטל, און געשטאָרבן איז ער דאַן, ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער און איך האָב געקענט אונטערשיידן אַ קלאָרן פון אַ משוגענעם. מיין פריינדשאַפט מיט מוליען האָב איך נישט איבערגעריסן, און ער, ביז זיינע לעצטע טעג, האָט געגלויבט אין מיין פריינדשאַפט צו אים.

אויך די לעצטע יאָרן, שוין ווייסנדיק ווער און וואָס ער איז, האָב איך גערעדט מיט אים, ווי מיט אַ קלאָרן, און איך פלעג פאַרגעסן, אַז ער איז אַ משוגענער.

מיר האָט אַ מאָל אַ פּסיכיאַטער געזאָגט, אַז קיין איין קלאָרער מענטש פאַרשטייט נישט אַזוי גוט צו סימולירן אַ משוגענעם, ווי אַ משוגענער פאַרשטייט צו נאַרן, אַז ער איז אַ קלאָרער.

נאָר מוליע האָט נישט סימולירט. ער איז געווען איבער-צייגט אין זיין קלאָרקייט, ער האָט געגלויבט אין דעם אמת פון זיינע סודות און אויך אין דעם אמת, אַז ער וועט זיך „אַרויסדרייען".

ווען ער איז געלעגן אַ קראַנקער און אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז ער וועט מער נישט אויפשטיין, האָט ער מיר שטיל געזאָגט:

„דאָס מאַך איך זיך קראַנק, אַזוי מוז עס זיין, כּדי קיינער זאָל מיר נישט שטערן. דו וועסט זען, אַז אין לעצטן מאָמענט..." און ער האָט צו מיר געגעבן אַ ווונק מיט זיין

לינק אויג. אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. און איך האָב אים אויך געענטפערט מיט אַ ווונק. דאָס איז געווען אונדזער לעצטער קאָנספּיראַטיווער געשפּרעך.

און איצט, ווען איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן מענטש־לעכן לעבן, דערמאָן איך זיך אָן מוליען, וועגן דעם אומ־שטערבלעכן מוליען.

איך האָב שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען, אַז שטערבלעך איז נישט דער, וואָס שטאַרבט, נאָר דער, וואָס ווייסט פון אַז ער וועט שטאַרבן.

ווען מען ווייס נישט — טראַכט מען נישט וועגן דעם, און ווען מען טראַכט נישט — לעבט מען, נישט וויסנדיק וועגן דעם.

אַ חיה איז אומשטערבלעך, ווייל זי ווייסט נישט פון איר שטאַרבן.

און ווען מען זאָל ביי מיר פרעגן, ווער איז דער גליק־לעכסטער מענטש, וואָס איך האָב געקענט אין מיין לעבן, וועל איך אָנרופן מוליען.

איצט, ווען איך דערצייל וועגן אים, שטייט ער אין מיין זכּרון פאַר מיר, ווי אַ לעבעדיקער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער ווינקט מיר מיט זיין לינקן אויג און זאָגט סודות־דיק: „איך האָב אַ מיטל, איך וועל זיך אַרויסדרייען!"

אַ ליבע

ווען איך לייען ביכער וועגן ליבע דאַכט זיך מיר אָפט, אַז דער שרייבער ווייסט נישט וואָס דאָס איז ליבע. פאַר וואָס זאָגן זיי אַלע, אַז ליבע איז גליק?

ליבע ברענגט פאַרדרוס, האַרצווייטיק און אַ מאָל — אַפילו אומגליק. ווען די ליבע איז נאָך אין איר ערשטן דערוואַך, איז זי שוין אין קלעם פון מורא, אייפערזוכט, שרעק.

ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין קלאָרע זוניקע ליבע.

ווען צוויי פאַרליבטע פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט, ווען זייער גלויבן איינער דעם אַנדערן איז שטאַרקער פון דער אַרומיקער שׂנאה, קנאה — קומט דאַן די נאַטור מיט אירע כּוחות און צעשמעטערט, צעברעכט די הייליקייט פון זייער ליבע.

זיי דערוויסן זיך וועגן דעם ערשטן דאַן, ווען אַלץ איז פאַרביי, איבערגעווייטיקט און ס׳איז שוין שפּעט צו פאַר-ריכטן.

אויף דער עלטער, דורך די שפּאַלטן פון דער פאַרגאַנ-גענהייט רייסן זיך דורך בלאַסע שטראַלן פון זכרונות. דער מענטש באַרויִקט זיך און רעדט זיך איין, אַז עס וואַרעמען

אים די האַלב-פאַרלאָשענע קוילן פון זיין אַמאָליקער פרייד
אין דער צייט ווען ס'איז פאַרבליבן אַ שטילער ווייטיק,
וואָס מאַטערט די סטרונעס פון אָפּגעשוואַכטן האַרץ.

דאָס איז די גוטע טבע פון מענטשן, וואָס פאַרגעסט
פריִער דאָס שלעכטע, און דאָס גוטע באַהאַלט ער ביי זיך.

ווען אסתר האָט זיך באַגעגנט מיט אַריקן, האָט זי נאָך
נישט געוווּסט וועגן דאָס אַלעם. זי האָט געחלומט וועגן
איר געליבטן, נישט ווּיסנדיק ווער ער איז און ווי ער זעט
אויס. זי פלעגט וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן, אַפילו,
איר בעסטער חברטע — חנה. וואָס עס האָט זיי ביידן פאַר-
חברט, איז שווער צו פאַרשטיין. חנה — אַ שיינע, אַ פריי-
לעכע, וואָס זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין שום פרייד, און
אסתר — נישט קיין שיינע, געקליידט ווייט נישט נאָך דער
מאָדע, אַ שעמעוודיקע און אַ צוריקגעהאַלטענע.

ווען חנהס פריינד מישאַ האָט אסתרן באַקענט מיט
זיין חבר אַריק, האָט דער לעצטער נישט געמאַכט קיין
גרויסן רושם אויף איר. אמת, זיין שיינע פיגור אין עלע-
גאַנטן אָנצוג איז געווען שווער נישט צו באַמערקן. זיינע
בלאָע אויגן האָבן שיין קאָנטראַסטירט מיט זיינע שוואַרצע
האָר. דאָך, דער אידעאַל פון אסתרס חלומות איז געווען
אַן אַנדערער. אַריק איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו דעם
שווער באַוועגלעכן מיידל.

זי האָט דאָס גלייך דערפילט, שעמעוודיק געשוויגן און
איז גלייך אַוועק, נישט דערלויבנדיק אָפּצופירן זי אַהיים.

אָבער אויף מאָרגן, ווען אַריק האָט איר טעלעפאָנירט
און פאָרגעלייגט זיך צו טרעפן, האָט איר האַרץ אָנגעהויבן
שטאַרק צו קלאַפּן. זי ווייסט נישט פאַר וואָס, אָבער זי

האָט גערעדט מיט אים זייער אָפיציעל און האָט אים אָפּ-געזאָגט.

אויף איבער-מאָרגן האָט אַריק ווידער טעלעפאָנירט און זיי האָבן זיך געטראָפן. זי האָט נישט אָנגענומען זיינע פאָר-שלאָגן אַריינצוגיין אין אַ קינאָ אָדער אין אַ קאַפע. זיי זע-נען אַרומגעגאַנגען איבער די טומלדיקע גאַסן און שפּעטער געזעסן אין אַ פּאַרק.

אַריק האָט גערעדט און אסתר האָט די גאַנצע צייט גע-שוויגן. זי האָט געפילט, אַז זי וועט נישט זיין בכּוח אַנט-קעגנשטעלן זיך, אויב אַריק וועט וועלן זי אַרומנעמען אָדער אַ קוש טאָן. אָבער ער איז געווען קאָרעקט און איר האַרץ האָט געקלאַפּט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס איז געווען שוין שפּעט, און זי האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיך פון אָט דעם יונגן-מאַן, דעם ערשטן פאַרערער אין איר לעבן.

גייענדיק אַהיים האָבן זיי באַגעגנט חנהן מיט מישאַ. חנה איז געווען, ווי אַלע מאָל, פריילעך, אירע אויגן זענען געווען צערייצט. זיי זענען אַלע אַריין אין אַ רעסטאָראַן און באַשטעלט וויין. אסתר האָט נישט געטרונקען, זי האָט זיך זייער שלעכט געפילט. זי איז געווען אין כּעס אויף חנה, וואָס יענע האָט איר צעשטערט אַזאַ שיינעם אָוונט.

צו מאָרגנס האָט אַריק נישט טעלעפאָנירט, איבער-מאָרגן — אויך נישט. אסתר האָט גאָרנישט נישט געקענט טאָן. זי האָט כּמעט נישט געגעסן. זי האָט מורא געהאַט אַרויסגיין פון דער היים, ווייל זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל קלינגען. זי איז געזעסן און געקוקט אויפן טעלעפאָן-אַפּאַראַט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אַריק איר טעלעפאָנירט און זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן. זיי זענען אַריין אין אַ

קינאָ. אַריק האָט גענומען איר האַנט, אסתר האָט איר האַנט נישט צוגענומען און אַזוי זענען זיי געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן צוויי שעה.

אויפֿן וועג אַהיים האָבן זיי ביידע געשוויגן. אסתר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז פֿאַרליבט. אַריק האָט איר טעלע־פֿאָנירט און זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן יעדן אָוונט. אסתר האָט פֿאַרלאָרן די קאָנטראָל איבער זיך און זי האָט זיך שוין נישט געשעמט צו קושן זיך.

איין זאַך, וואָס האָט געשטערט איר גליק, איז געווען חנה מיט איר פֿריינד מישאַ. זייערע באַגעגענישן אין די רעסטאָראַנען, דער ווײַן און דער גאַנצער אַרומיקער טומל האָבן געווירקט אסתרן אויף די נערוון. יעדע מינוט, וואָס זי איז נישט געווען מיט אַריקן אַליין, האָט זי גערעכנט פֿאַר פֿאַרלאָרן. די וויצן, וואָס חנה פֿלעגט וואַרפֿן אין איר אַדרעס, האָבן געשטאָכן אסתרס האַרץ. אירע באַציִונגען מיט איר חברטע זענען געוואָרן קעלטער.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען חנה איז געקומען צו איר און האָט געזאָגט, אַז היינט אָוונט גייען זיי ווידער אַלע פֿיר אין אַ רעסטאָראַן, האָט אסתר אָנגעהויבן צו פּראָטעס־טירן. זי קען נישט און וויל נישט פֿאַרלירן אַן אָוונט, וואָס שענקט איר אַזוי פֿיל פֿרייד. זי האָט אָנגעהויבן באַשול־דיקן חנהן אין לײַכטזיניקייט און האָט באַליידיקט מישאַן, געזאָגט, אַז ער איז אַ פּוסטער יונג, אַ פּשוטער שיכּור.

חנה איז געוואָרן זייער בייז. זי איז צוגעגאַנגען זייער נאָענט צו אסתרן און געזאָגט:

„היינט מוזן מיר גיין אין רעסטאָראַן, ווײַל מײַן שיכּור מוז אַוועקגעבן אַ חוב דײַן מלאך. ווען איך האָב דיר באַ־קענט מיט אַריקן און איך האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט

איינע פון די הייליקסטע מיידלעך אין דער וועלט און קיין איין מענטש קען דיך נישט איינברעכן, האָט אַריק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און איז געגאַנגען אין געוועט מיט מיין שיכּור, אַז איך משך פון איין חודש וועסטו זיין זיינע. היינט ענדיקט זיך דער חודש״.

עס געשעט, אַז אַ נאָענטער מענטש איז שטערבלעך קראַנק און מען ווייס וועגן דעם. ס'איז שווער, מען וויל נישט וועגן דעם טראַכטן, אָבער מען איז צוגעגרייט צום פינאַל. נישט ווילנדיק הייבט מען אָן זינדיקן אין די געדאַנקען און פאַר־שטעלן זיך, ווי ס'וועט זיין דאַן און נאָך דעם. און ווען דער מענטש שטאַרבט — איז שווער, זייער שווער, אָבער מען איז צוגעגרייט.

עס געשעט אָבער, אַז מען איילט זיך אַהיים, ווו עס וואַרט אויף דיר אַ נאָענטער מענטש, און דו ביסט איבער־צייגט, אַז באַלד וועט ער אַרויסגיין אַנטקעגן דיר שמייכלענ־דיק, און אַנשטאָט דעם טרעפסטו ביי דער טיר פאַרוויינטע מענטשן און דאָרט אין דער היים — עפּעס שרעקלעכס, אין ערשטן מאָמענט נישט פאַרשטענדלעכס. אַ זאַך, וואָס מען קען נישט העלפן, אומקערן צוריק, אַפילו ווען דו וועסט קלאַפּן מיט דיין קאָפּ אין וואַנט.

אסתר האָט נישט געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין וואַנט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז ביי איר געשטאָרבן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ וואָלקן האָט פאַרצויגן דעם הימל און פאַרדעקט איר זון. זי האָט געוווּסט, אַז ווען דער וואָלקן וועט זיך פאַנאַנדערגיין און דער הימל וועט ווערן קלאָר, וועט די זון מער נישט שיינען, ווייל זי איז פאַרלאָשן געוואָרן אויף אייביק.

זי איז געווען רויִק. בלאַס, אָבער רויִק. נישטאָ קיין זון!

זי איז קיין מאָל נישט געווען! נישטאָ אויף דער וועלט קיין ליבע. איר ליבע איז אויך נישט געווען קיין אמתע, אויב זי איז אַזוי גיך פֿאַרלאָשן געוואָרן. זי האָט פֿיינט געקראָגן די גאַנצע וועלט, זיך אַליין.

ווען אַריק האָט אָנגעטעלעפֿאָנירט, האָט זי אים גע־זאָגט, אַז זי וועט מיט אים אין ערגעץ נישט גיין און אַז דעם חוב קען ער אָפּגעבן אין איר אָפּוועזנהייט.

נאָך דעם האָט זי אַ לאַנגע צייט זיך געוואַשן אין באָד־צימער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וואַשט אַראָפּ פֿון זיך דאָס גאַנצע שמוץ.

און אַריק... אַריק האָט מיט אַ מאָל פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט פֿאַרלאָרן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן. אָט דאָס אומגעלומפּערטע מיידל אסתּר מיט איר אָפּן האַרץ, ריינע געפֿילן, איז געווען די ערלעכסטע פֿון אַלע פּרויען אין זיין לעבן. איצט האָט ער ערשט פֿאַר־שטאַנען, אַז ער האָט זי ליב.

ער האָט געשריבן בריוו, ער האָט זיך מודה געווען אין זיין שולד, אַז ער האָט דאַן נישט געוווּסט, ווער זי איז. אַזאַ ריינע ווי זי, וואָלט ער קיין מאָל אַזוי נישט באַליי־דיקט. ער האָט נאָך אַ סך זאַכן געשריבן, אָבער אסתּר האָט זיינע בריוו נישט געלייענט, זי פֿלעגט זיי צערייסן. זי האָט אים אַפֿילו נישט געהאַסט. ער האָט פֿאַר איר מער נישט עקזיסטירט.

אָבער דאָס האָט זיך איר בלויז געדאַכט. זי האָט אים נאָך ליב געהאַט.

און, אַז זי וועט ווערן אַלט, וועט ביי איר גובר זיין די גוטע טבע פֿון מענטשן, און זי וועט פֿאַרגעסן וועגן אירע ווייטיקן און מיט וואַרעמקייט דערמאָנען די גליקלעכע אָוונטן פֿון איר יוגנט.

אַ שפּיל

ס'איז נישט ריכטיק, אַז שפּילן זיך און שטיפן האָבן די טבע נאָר קינדער. דערוואַקסענע מענטשן, עלטערע, אַפילו אַלטע, האָבן ליב צו שטיפן און צו שפּילן זיך. זיי שעמען זיך נאָר דאָס אויסצוזאָגן. קינדער זענען ערלעכער, זיי זאָגן דעם אמת.

איך דערמאָן זיך מיינעם אַ חבר, וואָס פלעגט גאַנצע אָוונטן שפּילן זיך מיט אַ טיש-אייזנבאַן, וועלכן מען האָט געשאָנקען זיין קליינעם זון צום געבוירן-טאָג. ער פלעגט אַזוי זיך אַריינטאָן אין דער שפּיל, אַז ער האָט נישט באַמערקט די טרערן פון זיין יינגל, וואָס האָט אַליין געוואָלט האָבן הנאה פון דער מתּנה.

איך געדענק אַ פאַל, ווי מיינע אַ שכנה האָט זיך צעקריגט מיט איר זעקס-יאָריקן טעכטערל איבער תּקנות פון עפּעס אַ שפּיל. דאָס מיידעלע האָט געשריגן אויף דער מאַמען און די מאַמע האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן.

מיינע אַ קרובה האָט ביז איר חתונה זיך געשפּילט מיט בובעס און דעם גאַנצן קאָמפּלעט פון אירע בובעס האָט זי מיטגענומען אַלס נדן פאַר איר מאַן. מיר אַלע האָבן געהאַט אַ חשד, אַז שטילערהייט שפּילט זי זיך נאָך מיט זיי; ס'איז געווען אַ גרונד אַזוי צו טראַכטן, ווייל איך פלעג באַמערקן, אַז די בובעס בייטן צו אָפט זייערע מלבושים.

איך אַליין, זענענדיק שוין אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצן, האָב געהאַט מיין אייגענע שפּיל.

אין הויף פון דעם הויז, אין וועלכן איך האָב געלעבט, איז געשטאַנען אַ גרויסער לאַסטאויטאָ, און דער באַלעבאָס פון דעם אויטאָ, מיינער אַ שכן, פלעגט אָפט פאַרשאַפן מיר פאַרגעניגן; ער פלעגט מיך מיטנעמען מיט זיך אין זיינע נסיעות. ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם גיט ער מיר די מעגלעכקייט בעסער צו באַקענען זיך מיט דער אומגעגנט, אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אינטערעסאַנטע שפּיל. איך האָב עס געהאַלטן בסוד, איך האָב זיך געשעמט צו דערציילן, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט פון מיר לאַכן.

ווען איך פלעג שטיין אין דעם אָפענעם לאַסטאויטאָ אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויף דער פאָדערשטער פאַרמאַכטער קאַבינע-טייל און דער אַנטקעגנדיקער ווינט פלעגט פאַנאַנדערוואַרפן מיינע לאַנגע האָר, פלעג איך זיך פאַרשטעלן, אַז איך בין אַ גרויסער קריגסמאַן, אַז איך פאָר אַריין אין באַפרייטע געביטן, אַז אַלע מענטשן אַרום קוקן אויף מיר מיט וווּנדער, מיט באַגייסטערונג און איך שמייכל צו זיי, נישט פאַרלירנדיק דערביי מיין שטאָלץ און גרויסקייט.

איך האָב געהאַט אַפילו צוגעקלערט פאַר זיך אַ ספּעציעלן נאָמען. יעדן אינדערפרי, נאָכן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, פלעג איך גלייך אַ קוק טאָן אין פענצטער צי דער לאַסטאויטאָ שטייט נאָך אויפן הויף.

בעת מיינע זומער-וואַקאַציעס האָב איך געהאַט אַ גרויסע הנאה יעדן טאָג „איינעמען נייע שטעט און באַגריסן מיינע נייע אונטערטעניקע".

שפּעטער, ווען איך האָב געדינט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, וואָס האָט דאַן געקעמפט קעגן די נאַציס, פלעגט מיר אָפט אויסקומען אַריינפאָרן אין די באַפרייטע ערטער אויף אַן אָפענעם לאַסטאויטאָ. אמת, איך בין נישט דער־גאַנגען צום ראַנג פון אַ גרויסן מלחמה־פירער, אָבער איך האָב אויסגענוצט די סיטואַציע. איך פלעג שטיין, ווי אַ מאָל, אָנגעשפּאַרט אויף דער פאַרמאַכטער פאָדערשטער טייל פונעם אויטאָ און, פונקט ווי דאַן, פלעג איך זיך אַריינצי̇ען אין דער שפּיל. אָבער דאָס מאָל איז ביי מיר געווען אַן אַנדער געפיל, גאָר נישט ענלעך צו יענעם, ווערלכן איך פלעג איבערלעבן זייענדיק אַ יונגער בחור.

מיין שפּיל איז שוין באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך פלעג זיך פאָרשטעלן, אַז איך בין יונג, אַז איך פאָר אין אויטאָ פון מיין שכן און די גאַנצע מלחמה מיט די באַ־פרייטע שטעט איז, פונקט ווי אַ מאָל, אַ פאַנטאַזיע.

די אינטערעסאַנטסטע שפּיל איז ביי מיר געווען אין די לעצטע מיינע סטודענטן־יאָרן. אין אַ גרויסן פּרעכטיק שיי־נעם טעאַטער־בנין, אין וועלכן עס זענען אויך פאָרגעקומען בעלער, חתונות און אין וועלכן מיר, די יוגנט, פלעגן זיך צו־נויפקומען, איז געווען אַ וואַנט אין גאַנצן פון שפּיגל. ווען מיר פלעגן אַרויפגיין פון אונטערשטן גאַרדעראָב אויף גרוי־סע ברייטע טרעפּ, באַדעקטע מיט רויטע טעפּיכער, אין אוי־בערשטן טאַנצזאַל, פלעגן אונדז אַנטקעגן קומען הונדער־טער מענטשן, פריילעכע, אין פראַקן און סמאָקינגען, פרוי־ען אין אָוונטקליידער. די אַלע מענטשן פלעגן צו אונדז שמייכלען, אַלע זענען אונדז געווען באַקאַנט. דאָס זענען מיר אַלע געווען אין דעם גרויסן שפּיגל. יונגע, שיינע, גליק־

לעכע, זאָרגלאָזע פלעגן מיר זיך אָפּשפּיגלען אין דער וואַנט, און פון דאָרטן, פון דער טיפעניש, קוקן אויף זיך און דער־ביי שטיפעריש ווינקען צו זיך אַליין מיט די אויגן.

ווען איך פלעג אַרויפגיין אויף די טרעפּ, אַרומגערינגלט מיט פיל מענטשן, פלעג איך זיך פאָרשטעלן, אַז איך בין אַ וועלטבאַרימטער מלוכה־מאַן, עפּעס פון אַן אַנדער מדינה, לכבוד וועלכן עס קומט דאָ פאָר אַ גרויסער פייערלעכער אָוונט.

אין שפּיגל האָב איך געזען זיך, אַ יונגן שלאַנקן בחור, עלעגאַנט געקליידט, מיט אַ קאָפּ געדיכטע טונקעלע האָר.

איך פלעג מיט גרויס רעספּעקט קוקן אויף זיך. אויך יענער, אין שפּיגל, פלעגט ערנסט קוקן אויף מיר און זיינע אויגן פלעגן מיר זאָגן: — „האַלט זיך! גיי נישט אַרויס פון שפּיל! אויב דו וועסט טאָן עפּעס, וואָס טויג נישט, וועל איך דיר מוזן נאָכמאַכן און איך קען נאָך פאַרלירן מיין גאַנצן אויטאָריטעט פון אַ וועלטבאַרימטן מענטשן". איך פלעג זיך מאַכן נאָך ערנסטער, גיין נאָך געלאַסענער און געזען אין שפּיגל, אַז יענער איז מיט מיר צופרידן.

ווען איך פלעג ווערן אַ ביסל שיכּור פון דעם אויסגע־טרונקענעם וויין און פון מיינע קאָכעדיקע בלוטן און אַרויפלויפן גיך אויף די טרעפּ, האָב איך יעדעס מאָל ווען כ'בין צוגעקומען צום אָרט, וואָס איז געווען קעגן דעם גרויסן שפּיגל, פאַרלאַנגזאַמט מיין אימפּעט און געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

איך האָב זייער ליב געהאַט די שפּיל. די לעצטע צייט האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך בין דער אויסערן־מיניסטער פון איטאַליע. (פאַר וואָס, דווקא, פון איטאַ־ליע?) און מיין נאָמען איז מיראָ טאָליאַני. פון וואַנען צו

מיר איז געקומען דער פּאָסטן און ווער עס האָט מיך באַ-
שאָנקען מיט דעם נאָמען, איז מיר היינט שווער צו זאָגן.
איך מיין, אַז אויך דאַן, וואָלט מיר געווען שווער צו ענט-
פערן אויף דער פראַגע.

לאַנגע יאָרן בין איך געווען אָפּגעריסן פון דער שטאָט,
אין וועלכער עס געפינט זיך יענער פרעכטיקער טעאַטער-
בנין, מיט יענע טרעפּ, מיט יענער שפּיגלוואַנט.

ווען דער גורל האָט מיר צופעליק צוריקגעבראַכט אויף
אַ קורצער צייט אין דער שטאָט פון מיין יוגנט, איז די
ערשטע זאַך, וואָס איך האָב געוואָלט, באַזוכן יענעם זאַל
און דערזען זיך אין יענעם שפּיגל.

מיינע פיס האָבן געציטערט, ווען איך בין אַהין געגאַנ-
גען; ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף די טרעפּ,
האָט ביי מיר אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן דאָס האַרץ. איך
האָב דערזען דעם גרויסן שפּיגל און אין אים הונדערטער
מענטשן. נאָר וואָס קומט דאָ פאָר? וווּ בין איך? איך קען
זיך נישט געפינען! איך האָב זיך דערשראָקן, אָבער באַלד
האָב איך זיך באַרויִקט: דאָס איז אַ רעזולטאַט פון מיין
אויפרעגונג. צווישן די גייענדיקע דאָרט אין שפּיגל, האָב
איך באַמערקט אַן עלטערן מענטש מיט גראָע האָר. ער האָט
געקוקט מאָדנע, ווי ער וואָלט אויך וועמען געזוכט און
אויך, ווי איך, נישט געקענט געפינען.

ער האָט געזוכט יענעם יונגן בחור, וואָס פלעגט אַ מאָל
קומען אַהער. איך האָב געזען, אַז אויך דער עלטערער
מענטש האָט פאַרשטאַנען אַז ער וועט יענעם פריילעכן זאָרג-
לאָזן יונגן-מאַן מער קיין מאָל נישט באַגעגענען.

ביידע זענען מיר צוגעגאַנגען איינער צום אַנדערן. אַ צייט האָב איך געקוקט אויף אים און ער האָט געקוקט אויף מיר, און פאַר אונדזביידן איז געוועזן קלאָר, אַז די שפּיל איז פאַרענדיקט.

אַ טרוים

אַ טרוים איז ווי אַ ווייטער שטערן, דיין שטערן. דו זוכסט אים און דו געפינסט אים. דיר ווערט וואַרעם אויפן האַרצן.

„דיין טרוים וועט מקוים ווערן!" — זאָגט מען, ווען עס פאַלט אַרונטער אַ שטערן אין דער צייט פון דיין טרוימען. אמת, דער טרוים וועט מקוים ווערן, אָבער דער שטערן וועט שוין מער נישט שיינען. דיין טרוים ווערט אויס טרוים. דאָס, וואָס איז געווען כּמעט פאַנטאַזיע, ווערט ממשותדיק. ער איז אויף דער ערד, נישט אין הימל.

אָט די געדאַנקען מיינע זענען נישט קיין הקדמה צו אַ דערציילונג. זיי זענען געקומען צו מיר נאָך דעם, ווען מיין שכן פון צימער אין אַ סאַנאַטאָריע, ווייט אין דרום-רוס-לאַנד, האָט געעפנט פאַר מיר זיין האַרץ און האָט מיר דערציילט זיין טרויעריקע לעבנס-געשיכטע.

איך מיין נישט, אַז זיין אָפנהאַרציקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין צוטרוי דווקא צו מיר. ווען אויף מיין בעט, לעבן זיינעם, וואָלט געלעגן אַן אַנדערער, וואָלט ער אויך אים דערציילט, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז צו-זאַמען מיט זיינע ווערטער וועט אַרויסגיין פון אים אויך זיין ווייטיק.

מיט צוועלף יאָר צוריק האָט מען אים אַרעסטירט. ער, אַ יונגער אַקטיאָר, איז געווען דער איינציקער יורש פון זיין איינציקן קרוב, זיין רייכן פעטער. אים האָט דאָן ווייניק אינטערעסירט זיין פעטער מיטן געלט. זיינע געדאַנקען זענען געווען ערגעץ אַנדערש ווו.

ער איז געווען פאַרליבט, אָבער די עלטערן פון דער צוואַנציק-יאָריקער בלאָנדער העלען זענען געווען קעגן דעם שידוך. דיביידע פאַרליבטע האָבן נישט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי שידוך, חתונה. אויף אַלע אויסערלעכע פאָרמען פון דער אַזוי גערופענער מענטשלעכער מאָראַל האָבן זיי געקוקט, ווי אויף נאַרישקייטן.

ווען דער רייכער פעטער האָט זיך דערוווּסט, אַז באָריס (אַזוי האָט מען גערופן דעם העלד פון אונדזער דערציילונג) טרעפט זיך מיט דער בלאָנדער העלען, האָט ער אַרויסגערופן באָריסן צו זיך און אים געמאָלדן, אַז אויב באָריס וועט נישט איבעררייסן זיינע באַציִונגען מיט דער „פרעמדער", וועט ער איבערשרייבן זיין צוואה.

נאָך אַ שאַרפן ווערטער-אויסטויש האָט באָריס געזאָגט זיין רייכן פעטער, אַז ער פאַרקויפט נישט זיין האַרץ פאַר געלט און אַז זיין בלאָנדע העלען איז אים טייערער פון אַלע פונטן און דאָלאַרן אין דער וועלט. דערביי האָט ער שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק.

זיינע לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעשריִען ביי אַ האַלב-אָפענער טיר און דעריבער האָבן וועגן דעם קאָנפליקט געוווּסט די שכנים.

באָריס האָט געשטילט זיין כּעס אין די אָרעמס פון זיין בלאָנדער העלען, מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אין זייער געהיימער דירה.

אויף צו מאָרגנס פרי האָט מען געפונען דעם רייכן פעטער אין זיין דירה אַ געהרגעטן. און ווייטער איז געגאַנגען אַזוי, ווי עס גייט אין אַלע דעטעקטיוו־ראָמאַנען. באָריסן האָט מען אַרעסטירט, ווי אַ פאַרדעכטיקטן אין הרגענען זיין פעטער, די עדות האָבן דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן גע־הערט, העלענס עלטערן האָבן זי אַוועקגעפירט פון שטאָט.

באָריס האָט געלייקנט, אָבער ער האָט נישט געקענט דערווייזן זיין אַליבי. ריכטיקער געזאָגט, ער האָט געקענט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט.

איצט, ווען דאָס אומגליק האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן, זענען זיינע געדאַנקען געוואָרן ניכטער און ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער געפינט זיך אין די נעצן פון די אַרומיקע מענטשן, וואָס מען רופט זיי — ריכטער, אַז ער מוז זיך אונ־טערוואַרפן אַלע אויסערלעכע פאָרמען, וואָס מען רופט זיי אָן מיטן נאָמען — געזעצן. די געזעצן זענען קאַלטע און מען קען זיי נישט וואַרעמען מיט הערצער און מיט געפילן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אָננעמען אַלץ, וואָס עס פאָ־דערן אָט די מענטשן און טאָן אַלץ, וואָס זיי וועלן אים הייסן. בלויז איין זאַך וועט ער לאָזן ביי זיך — זיין ליבע צו העלען. העלען איז פאַר אים העכער און גרעסער פון אַלעמען אין דער וועלט. ער מוז פאַרהיטן איר נאָמען. ער טאָר נישט דערלויבן פאַלן אַ שאָטן אויף איר. וואָס עס זאָל מיט אים נישט געשען, מוז זי בלייבן ריין אין די אויגן פון די אַרומיקע מענטשן.

באָריס האָט נישט דערציילט ווו און מיט וועמען ער האָט פאַרבראַכט יענע נאַכט, און מען האָט אים פאַר־משפּט אויף צען יאָר תפיסה.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער טייל פון באָריסעס לעבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער צען-יאָרי-קער פּעריאָד פון טרוימען.

אַלץ וואָס ער פלעגט טאָן און אַלץ, וואָס ער פלעגט אויסשטיין, האָט געהאַט אין זיך אַ זיסן ווייטיק, ווייל ס'איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ רויך פון אַ ווייטן טרוים.

אין תפיסה פלעגט ער מיט אומגעדולד וואַרטן אויף זיין פרייע צייט, כּדי צו קענען טרוימען.

ער פלעגט שאַפן בילדער פון זיין באַגעגעניש מיט העלען נאָך זיין באַפרייען זיך פון טורמע. ווי אַ געניטער רעזשיסער פלעגט ער בייטן מיזאַנס-סצענעס, איבערשטעלן פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן די אָנטיילנעמער אין דעם פייערלעכן אָוונט פון זיין קומען אַהיים.

שפּעטער איז עס שוין געווען אַ גוט איינגעשטודירטער ספּעקטאַקל, און יעדע נאַכט, ווען ער פלעגט זיך לייגן אויף זיין געלעגער, פלעגט ער קוקן די פאָרשטעלונג, אין וועלכער ער און העלען האָבן געשפּילט די הויפּטראָלן. כּמעט יעדעס מאָל פלעגט ער געפינען אַ פעלער. דאַן פלעגט ער פאַרריכטן די אינטאָנאַציעס און אָפט מאָל ענדערן גאַנצע עפּיזאָדן.

אים איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַז ער האָט געקענט זיין פריי, ווען ער וואָלט אַנדערש גע-האַנדלט. ער האָט זיך אַפילו אויף איין מינוט נישט גע-קענט פאָרשטעלן, אַז ער וואָלט געקענט באַשמוצן זיין העלען.

און אַזוי גאַנצע צען יאָר פון שווערן לעבן, מאַטערניש אין געמיש מיטן גליקלעכן טרוים. ער האָט געהאַט זיין שטערן אין הימל. דער שטערן האָט אים געשטאַרקט, גע-

פינקלט צו אים און געוואַרט ווען עס וועט קומען זיין צייט פון אַראָפּפאַלן.
און די צייט איז געקומען.

ביים טויער פון דער תפיסה האָט אים קיינער נישט אָפּגעוואַרט. זיין איינציקער קרוב, זיין רייכער פעטער, איז שוין לאַנג טויט. און העלען?

ער איז געקומען אין זיין שטאָט, אַריינגעפאָרן אין אַ האָטעל, אַרומגעוואַשן זיך, אָפּראַזירט זיך און רויִק געזעסן און געקוקט אין אָפענעם פענצטער. ער האָט שוין געוווּסט, אַז העלען האָט פאַר דער צייט חתונה געהאַט און האָט שוין צוויי קינדער. דאָך האָט ער איר געגעבן צו וויסן, אַז ער איז דאָ.

ווען ער האָט דערהערט אַ נישט זיכערן קלאַפּ אין טיר, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז העלען. ווען זי איז אַריין אין צימער, איז אים געוווען שווער אויפצוהויבן זיך פון אָרט. אין דער גאַנץ דיקער, אַ ביסל פאַרעלטערטער דאַמע, האָט מען לייכט געקענט דערקענען די שיינע בלאָנדע העלען. זי האָט צעשראָקן געקוקט אַרום זיך און אירע ליפּן האָבן עפּעס וואָס געזאָגט, אָבער ער האָט נישט געהערט וואָס. זי האָט גערעדט. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו הערן איר רעדן און ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אירע ווערטער.

און געזאָגט האָט זי אים, אַז זי האָט זייער פיל איבער-געלעבט, אַז זי איז אים זייער דאַנקבאַר און זי וועט אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אָבער, וואָס קען מען העלפן? ער מוז פאַרשטיין, אַז זי איז פאַרהייראַט און איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער, איר מאַן ווייס קיין זאַך נישט וועגן איר

פאַרגאַנגענהייט. איר קומען אַהער, אין האָטעל, צו אַ מאַנסביל, קען איר קאָמפּראָמיטירן, דעריבער דאַרף ער נישט זיין אין כעס, אויב זי וועט גלייך אַוועקגיין. זי האָט מורא, אַז מען זאָל זי דאָ נישט דערזען. אויב ער האַלט פאַר נייטיק מיט איר זיך צו טרעפן, וועט זי זען דאָס צו מאַכן, אָבער אין אַן אַנדער אָרט. זי ווייס נאָך נישט ווו, אָבער זי וועט אַ טראַכט טאָן. „אַזוי איז דאָס לעבן!" — האָט זי געזאָגט און דערביי האָט זי געפּרובירט אַ שמייכל טאָן.

באָריס האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס איר שמייכל איז אים פרעמד. יאָ, ער ווייס פאַר וואָס. זי האָט איצט אַ גאָלדענעם צאָן, דאַן איז ער נישט געווען. זיינע געדאַנקען זענען אַוועק צוריק צו דער צייט פון זיין טרוי-מען. ער האָט געטרוימט וועגן איר אָן אַ גאָלדענעם צאָן, זי האָט אויסגעזען אַנדערש. זי האָט גערעדט אַנדערש. עס האָבן זיך אין גאַנצן געביטן די מיזאַנס-סצענעס. ס'איז גאָר אַן אַנדערע פאָרשטעלונג.

ער האָט פּרובירט פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון אירע ווערטער, נאָר ס'איז געווען שווער. ער האָט נאָר געהערט, ווי זי זאָגט, אַז אפשר איז בעסער בכלל מער נישט צו טרעפן זיך. צו וואָס שיטן זאַלץ אויף אַלטע ווונדן, וואָס זענען שוין כמעט פאַרהיילט?

אים האָט זיך געוואָלט אויפשפּרינגען פון זיין אָרט, צו-לויפן צו איר און אויסשרייען איר אין פּנים: „און מיינע צען יאָר טרוימען?" אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן. אַזאַ מיזאַנס-סצענע איז נישט געווען פאָרויסגעזען. ס'איז שווער איבערצומאַכן אַ פאָרשטעלונג אָדער פון דאָס ניי אָנשרייבן

אַ בוך, וועלכע מען האָט אויסגעוויטיקט אין משך פון צען יאָר.

ער האָט געזען, אַז זי רעדט נאָך. ער האָט זיך צוגעהערט. יאָ, אמת, זי רעדט. זי זאָגט אים, אַז ער מוז זי אַנטשול-דיקן, זי מוז לויפן אַהיים, אויב נישט, וועט איר מאַן נאָך עפּעס וואָס מיינען.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים, אַ קוש געטאָן אים אין באַק און גיך אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ער איז נאָך אַלץ געזעסן אויף זיין אָרט. פאַר דער גאַנ-צער צייט, וואָס זי איז געווען ביי אים, האָט ער נישט אויס-גערעדט קיין וואָרט. ווי עס ווייזט אויס, איז ער אַ שוואַ-כער אַקטיאָר, אויב ער פאַרלירט זיך, ווען דער פּאַרטנער גיט אים נישט קיין ריכטיקע רעפּליקע. — — —

באָריס איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט פאַר זיך פון דאָס ניי אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט.

איך האָב שוין געדרעמלט, ווען איך האָב דערהערט זיי-נע ווערטער: „ס׳איז שוין פאַרביי איבער צוויי יאָר, און מיר איז נאָך אַלץ שווער. שווער צו לעבן, שווער נאָרמאַל צו טראַכטן, נאָרמאַל צו פילן. איך בענק, איך בענק זייער שטאַרק...״

ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט, אַז ער בענקט נישט נאָך העלען. ער בענקט נאָך זיינע טרוימען, וואָס האָבן אים געוואַרעמט אין די שווערע טעג פון זיין לעבן. היינט איז ער פריי, אָבער זיין שטערן איז אַרונטער-געפאַלן, נישטאָ וואָס צו זוכן אויפן הימל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געפרעגט באָריסן, וואָס וואָלט ער געטאָן היינט, ווען עס פּאַסירט פּונקט אַזאַ פאַל און ער וואָלט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, זאָגנ-דיק דעם אמת.

ער האָט נישט טראַכטנדיק געענטפערט:

„איך וואָלט געבעטן אייביקע תּפיסה, כּדי קיין מאָל זיך נישט צו באַפרייען פון מיינע טרוימען".

אַ שפּאַס

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ שפּאַס.

דעם ערשטן אַפּריל האָט זי אַוועקגעשיקט צו איר מאַן, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט רויִקע צען יאָר, אַן אַנאָנימען ליבעבריוו און ער האָט דעם בריוו איר נישט באַוויזן.

די ערשטע טעג האָט זי קיין גרויסן אַכט אויף דעם נישט געלייגט. ער ווייס דאָך, אַז ס'איז דער ערשטער אַפּריל — האָט זי געטראַכט — און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שפּאַס. ער האָט געוויס דעם בריוו גלייך אַרויסגעוואָרפן און שוין לאַנג וועגן אים פאַרגעסן.

דערנאָך האָט זי אים חושד געווען, אַז ער, דער גרויסער וויצלער, מאַכט איצט מיט איר אַ שפּאַס, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר אַרבעט און ער שפּילט איצט אויף אירע נערוון.

אָבער עס זענען פאַרביי אַ פּאָר וואָכן און זי האָט באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן נערוועז, און כאָטש דעם בריוו האָט זי אים געשיקט אויף דער אַרבעט, דאָך האָט ער אָנגעהויבן אויך אין דער היים שטאַרק אָפּוואַרטן די פּאָסט.

ער פלעגט זיך אָפּט פאַרטראַכטן, נישט הערן, וואָס זי זאָגט צו אים און טייל מאָל ענטפערן נישט צו דער זאַך.

עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט געוואַרט אויף אַ צווייטן בריוו.

אין זיך האָט זי געלאַכט און זיך פאַרגעשטעלט זיין פּנים, ווען זי וועט אים אויסזאָגן איר סוֹד.

און זי האָט אים אָנגעשריבן אַ צווייטן בריוו.

די סיבּה פון איר שווייגן — האָט זי געשריבן — איז דאָס, וואָס זי האָט געמיינט, אַז זי וועט קענען זיין רויִק. נאָר נעכטן האָט זי אים ווידער געזען אין גאַס און אין איר האָט זיך די ליבע צעפלאַקערט נאָך שטאַרקער. איר איז שווער אָן אים צו לעבן, גאַנצע טעג טראַכט זי וועגן אים און ביי נאַכט קומען צו איר חלומות, וועגן וועלכע זי שעמט זיך אַפילו צו דערציילן.

צו מאָרגנס נאָך דער אַרבעט, ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער געווען זייער אויפגערעגט, כּמעט נישט גע-געסן און אַ צייט געזעסן פאַרטראַכט.

יעדן טאָג האָט ער אָנגעהויבן איבערבינדן אַן אַנדער קראַוואַט, בייטן די אָנצוגן און יעדן פרימאָרגן פוצן ביז אַ שפּיגלגלאַנץ זיינע שיך.

פון אירע אויגן האָט געשטראַלט אַ כיטרער שמייכל. פאַר איין זאַך האָט זי זיך געשראָקן — ער זאָל נישט זיין שטאַרק ברוגז, ווען זי וועט אים דערציילן דעם אמת.

איר האָט אָנגעהויבן צו געפעלן די שפּיל, זי האָט נישט געזען אין דעם קיין סכּנה. עס איז דאָך נישט קיין קאָנ-קרעטער מענטש. און אויב יאָ — איז עס זי אַליין.

זי האָט אָנגעשריבן אַ דריטן בריוו און דאָס מאָל אָנגע-וויזן אַן אַדרעס אויף אַן ענטפער.

אין אייניקע טעג אַרום האָט זי באַקומען אַ בריוו פון אים. ער האָט איר געשריבן, אַז אירע בריוו האָבן אין גאַנצן

צעשטערט זיין רויִקייט און צעבראָכן זיין נאָרמאַל לעבן. ער טראַכט וועגן איר ביי טאָג, ביי נאַכט, אין דער היים, ביי דער אַרבעט. ער ווייס, אַז ער וועט זיך נישט באַרויִקן ביז וואַנען ער וועט זיך מיט איר נישט באַגעגענען. זיין היים איז אים געוואָרן פרעמד און דאָס לעבן לאַנגווייליק.

מיט שרעק האָט זי איבערגעריסן לייענען זיין בריוו.

וואָס הייסט, אים איז אין דער היים לאַנגווייליק? וואָס הייסט, אַלץ איז אים געוואָרן פרעמד? הייסט עס, זי אויך? ניין, זי נישט! ער שרייבט דאָך צו איר. דאָס האָט זי דאָך אים געשריבן די דריי בריוו.

און מיט אַ מאָל האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער שרייבט עס נישט איר, נאָר צו אַן אַנדערער. ער שרייבט צו יענער, וואָס זי האָט פאַר אים באַשאַפן. איר מאַן איז פאַרליבט אין אַן אַנדערער און שולדיק אין דעם איז זי. ווען נישט זי, וואָלט ער געווען רויִק, ווי אַלע מאָל. זי האָט אים פראָוואָצירט מיט איר שפּאַס, זי האָט אים גענאַרט.

מען מוז עפּעס טאָן, איידער עס איז נאָך נישט שפּעט!

און זי האָט אים אָנגעשריבן אַ פערטן בריוו. אין דעם בריוו האָט זי אים געשריבן, אַז זי האָט עס נישט געמיינט ערנסט. אַז זי טראַכט נישט צו פאַרבינדן מיט אים איר לעבן, ווייל דאָס איז אוממעגלעך. זי וועט קיין מאָל נישט צעברעכן זיין גליקלעך לעבן. ער האָט אַ פרוי, וואָס ליבט אים.

ווען ער האָט באַקומען דעם בריוו, איז ער געווען דער־שלאָגן. ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און זי האָט שוין אָנגעהויבן צו שרעקן זיך פאַר זיין געזונט. זי האָט שוין נישט געטראַכט וועגן זייער קאָרעספּאָנדענץ. ביי איר איז געווען נאָר איין געדאַנק: ווי באַרויִקט מען אים, ווי

ברענגט מען אַלץ אין אָרדענונג, ווי קערט מען אום צוריק די אַמאָליקע רויִקע, גליקלעכע אָוונטן.

זי האָט באַשלאָסן אים דערציילן דעם גאַנצן אמת.

ער וועט דאָך פאַרשטיין — האָט זי געטראַכט — אַז ס'איז נישטאָ וועגן וועמען צו טראַכטן, ווייל קיינער איז נישטאָ.

נאָך איידער זי האָט באַוויזן מיט אים צו רעדן, האָט זי באַקומען זיין צווייטן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט עפּעס מאָדנע, נישט פאַרשטענדלעכע, שרעקלעכע זאַכן. ער בעט, אַז זי זאָל אויף אים האָבן רחמנות, אַז זיין ווייב איז אים איצט אין גאַנצן פרעמד, קיין זאַך קען מען ביי אים נישט צעברעכן, ווייל ס'איז שוין אַלץ צעבראָכן. אומגליקלעך וועט ער זיין נאָר דאַן, ווען ער וועט זי פאַרלירן.

דורכלייענענדיק דעם בריוו איז איר געוואָרן שווער צו אָטעמען. זי האָט געוואָלט קלאָר מאַכן פאַר זיך, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען, נאָר זי האָט נישט געקענט. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט פאַרלאָרן איר מאַן. ער זעט זי נישט, ער הערט זי נישט.

און נאָך האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז יענע, וואָס שרייבט צו אים, איז שוין נישט קיין אויסגעטראַכטע — זי לעבט, זי עקזיסטירט. איר איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז זי אַליין האָט זי באַשאַפן, אָבער זי קען מיט איר נישט קעמפן. זי קען זי אַפילו נישט הרגענען, ווייל זי איז נישטאָ. אָבער דאָך עקזיסטירט זי, זי לעבט.

אַ קעלט האָט דורכגענומען אירע גלידער. זי איז געווען צו שוואַך, כּדי פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם משונהדיקן פּלאָנטער. אַליין האָט זי דאָס פאַרפּלאָנטערט און זי קען עס נישט פאַנאַנדערבינדן. זי האָט געפילט, אַז זי פאַרלירט

איר גליק. דאָס גליק האָט זיך איר פאַרגעשטעלט, ווי אַ קליינער קיילעכדיקער באַל. זי האָט נישט געקענט פאַר-שטיין, פאַר וואָס דער באַל איז אַ שוואַרצער און פאַר וואָס ער קייקלט זיך פון איר אַוועק. זי וויל אים אָנכאַפּן און ער גליטשט זיך אַרויס פון אירע הענט און קייקלט זיך, אַלץ גיכער, אַלץ ווייטער. זי לויפט אים נאָך. זי פילט, אַז זי פאַרלירט אירע לעצטע כּוחות, אָבער זי לויפט. און דער באַל קייקלט זיך אַוועק. זי זעט פון דער ווייטנס אַ טיפן ברונעם, און דער באַל קייקלט זיך צו אים. זי פאַלט, זי ציט אויס אירע הענט, אָבער דער באַל גליטשט זיך אַרויס פון אירע הענט. זי הייבט אָן צו שרייען און פאַרלירט דעם באַ-ווּסטזיין.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי דערזען איר מאַן שטיין לעבן זיך. ער איז געווען בלאַס און האָט צעשראָקן געקוקט אויף זיין בריוו, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט. איר האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז זי האַלט דעם באַל, איר גליק, וואָס וויל פון אירע הענט אַרויסגליטשן זיך.

און זי האָט אים אַלץ דערציילט. ער האָט אָנגעהויבן אַלץ פאַרשטיין און האָט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. ער האָט גענומען זי איבערצייגן, אַז דאָס האָט ער געשפּאַסט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר אַרבעט און דעריבער האָט ער געוואָלט זיך אָפּשפּילן מיט איר. ווען ער וואָלט גע-ווּסט, אַז זיין שפּאַס קען איר אַזוי ווי טאָן, וואָלט ער עס קיין מאָל נישט געטאָן. ער איז גליקלעך, וואָס איצט זעט ער, ווי טייער ער איז פאַר איר, צוליב דעם אַליין איז געווען ווערט דער גאַנצער שפּאַס.

זי האָט נאָך אַלץ געציטערט. זי איז אויך געווען גענוג קלוג, כּדי צו פאַרשטיין, אַז זיינע ווערטער זענען זייער ווייט פון אמת, אַז ער טוט עס, כּדי זי צו באַרויִקן און אַז ער איז זייער צעשראָקן פון איר צושטאַנד, און דאָס האָט איר געוואַרעמט. און טאַקע? איבער וואָס איז דער טומל? אי־בער אַ פרוי, וואָס איז נישטאָ אויף דער וועלט, איבער אַ נאַרישן שפּאַס?

זי איז עטלעכע טעג געלעגן אין בעט און ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר. ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, אַלץ איז אַזוי, ווי עס איז געווען פאַרן ערשטן אַפּריל.

אָבער זיי ביידן האָט זיך עס נאָר געדאַכט.

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך יענער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט אים ליב. פאַר אים האָט זי עקזיסטירט און ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זי ווען־ניט־איז באַגעגענען. אָבער ער האָט באַהאַלטן זיינע זינדיקע געדאַנקען פאַר זיין פרוי, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען אייפערזיכטיק צו יענער, וואָס זי אַליין האָט באַשאַפן און האָט נישט דעם כּוח זי צו באַזיגן.

די מתּנה

גלייך, ווי זי איז אַריין אין מיין דירה, האָב איך זי פיינט געקראָגן.

איך וויל, אַז דער לייענער זאָל באַלד פון אָנהויב נישט האָבן קיין טעות: עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ פרוי און אַפילו נישט וועגן אַ לעבעדיקער באַשעפעניש.

מיט אייניקע יאָרן צוריק האָט מיינער אַ באַקאַנטער מיר געבראַכט אַ מתּנה, און וועגן אָט דער מתּנה וויל איך דערציילן.

דאָס איז געווען אַ רעליעף בילד — אַ פרויען-געזיכט אויף אַ קעראַמישער פלאַטע. ס'איז שווער צו זאָגן, פאַר וואָס די מתּנה האָט נישט געפונען קיין חן אין מיינע אויגן.

גלייך, ווי איך האָב דערזען דאָס בילד, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַן אויוון ערגעץ-ווו אין אַ מערב-אייראָפּעיִש שטעטעלע, אַן אויוון, וואָס מען הייצט אים מיט האָלץ אָדער מיט קוילן, און וואָס איז נישט פון בלעך, נאָר איז אויסגעלייגט אָט פון אַזעלכע פלאַטן, באַפּוצטע מיט פאַר-שידענע סילועטן.

די מתּנה האָט מיר אויך דערמאָנט די רעקלאַמע-שילד פון דער פרויען-פריזעריי אַריבערן וועג, אַנטקעגן מיינע פענצטער.

די פּלאַטע האָב איך געמוזט אויפהענגען אין איינעם פון מיינע צימערן, כּדי נישט באַליידיקן מיין באַקאַנטן, וועלכער האָט געהאַט די בעסטע כּוונה. ער איז דאָך געווען איבערצייגט, אַז ס'איז זייער שיין. און איך האָב געמוזט זיין איידל, דאַנקען מיין באַקאַנטן, קוקן אים גלייך אין די אויגן און זאָגן, אַז מיר געפעלט עס זייער, אַז איך בין איבער־ראַשט פון זיין געשמאַק, אַז זיין מתּנה וועט אויפלעבן מיין דירה.

נאָך אַ פּראָבלעם איז געווען: ווי אַזוי אויפצוהענגען דאָס בילד אויף דער וואַנט. אויף דער פּלאַטע איז נישט געווען קיין שום הענגל, קיין שום לעכל, פאַר וועלכן מען זאָל זי קענען פאַרטשעפּען.

איך האָב געמוזט אַריינקלאַפּן אין וואַנט עטלעכע טשוועקעס, וועלכע זאָלן האַלטן די פּלאַטן פון אונטן און פון די זייטן, כּדי זי זאָל, חלילה, נישט אַראָפּפאַלן.

ווען אַלץ איז שוין געווען איינגעאָרדנט און דאָס קעראַמישע בילד איז שוין געהאָנגען אין מיין שלאָפצימער, אַנטקעגן מיין בעט, האָב איך ערשט דאַן גוט זיך צוגעקוקט צו דעם פרויען־קאָפּ.

דאָס איז געווען אַ געזיכט פון אַ פרוי מיט געלאָקטע האָר, האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, אַ ביסל אַן אַרויפגעריסן נעזעלע און אַ מויל מיט פאַראיבלדיקע שמייכלענדיקע ליפּן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זי אויף מיר פאַראיבל, וואָס איך בין אַזוי נישט אויפמערקזאַם צו איר. זי האָט האַלב־געשמייכלט און איר פּנים האָט אויסגעדריקט די אַזוי גוט באַקאַנטע געמאַכטע גלייכגילטיקייט, ווען אַ פרוי וויל באַהאַלטן איר פאַרדרוס צוליב אַ מאַנס קאַלטקייט.

פון ערשטן טאָג אָן האָב איך דערפילט, אַז קיין פריינד־שאַפט וועט צווישן אונדז נישט זיין.

מען קען נישט זאָגן, אַז איך בין געווען צו איר גלייכ־גילטיק. אַז מען איז גלייכגילטיק, טראַכט מען נישט און עס שטערט נישט. איך האָב זי פיינט געהאַט און איך האָב וועגן איר געטראַכט.

עס האָבן אָנגעהויבן ביי מיר געבאָרן ווערן זינדיקע גע־דאַנקען : ווי גוט וואָלט געווען, ווען עמעצער פאַרטשעפּעט זי צופעליק און זי פאַלט אַראָפּ און ווערט צעבראָכן. איך אַליין האָב נישט געהאַט קיין מוט דאָס צו טאָן.

און גראָד צו יענער צייט האָב איך געזען אַן איטאַליע־נישן קינאָ־פילם, ווו אַ מאַן זינדיקט אין זיינע געדאַנקען און חלומט פון זיין ווייבס טויט, כּדי חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערער. ער האָט געטריבן פון זיך די זינדיקע געדאַנ־קען, נאָר זיי פלעגן עקשנותדיק קומען צו אים. זיי האָבן אים באַהערשט, זיי פלעגן קומען צו אים אויך ביי נאַכט אין זיינע חלומות.

און איין מאָל האָט זיך מיר אויך געחלומט, אַז אויך מיין פריינדין אויף דער וואַנט איז אומגעקומען, אַז זי איז צעבראָכן געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב גע־הערט אַ קלאַפּ. איך האָב אָנגעצונדן דאָס ליכט, מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט, און דערזען זי, קוקנדיק אויף מיר מיט אירע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, ווי זי וואָלט גע־זאָגט : איך ווייס דיינע געדאַנקען, דו ווילסט מיך אומברענ־גען. דו האָסט מיך פיינט !

איך האָב פון זיך אַליין געלאַכט און זיך געמוסרט : אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל איבערלעבן צוליב אַזאַ מין נאַ־רישקייט. איך האָב אָנגעהויבן זיך צו דערקלערן, אַז ס׳איז

נישט קיין לעבעדיקער מענטש, ס'איז דאָך נאָר אַ געמאַכטע זאַך, איך האָב נישט געקענט זיך אַליין איבערצייגן.

פונקט, ווי אויף אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג אָדער אין קי-נאָ, אַז מען לעבט איבער און מען איז אומרויִק — צי די העלדין וועט בלייבן לעבן צי זי וועט שטאַרבן, הייבט מען אָן זיך צו באַרויִקן, אַז אַלץ איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך; אַז דאָס זענען נאָר אַקטיאָרן, וואָס שפּילן, און אויב די העלדין וועט שטאַרבן, וועט זי דאָך בלייבן לעבן, אָבער עס העלפט נישט דאָס באַרויִקן און די נערוון זענען אָנגעצויגן — אַזוי איז דאָס געווען מיט מיר אין דעם פאַל.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געוואָלט גיין צו אַ פּסיכיאַטער; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַ ביסל נישט אין אָרדענונג.

די וועלט זאָגט, אַז אויך זאַכן פילן צי מען האָט זיי ליב אָדער פיינט, זייער עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון די גע-פילן צו זיי פונעם מענטשן. ווען דער מענטש האָט זיי נישט ליב, שטאַרבן זיי פּריצייטיק, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דעם ליגט אַ גרויסער אמת. ווען מען האָט ליב אַ זאַך, היט מען זי מערער, מען גיט אַכטונג, זי זאָל נישט צעבראָכן ווערן, אַז מען גייט פאַרביי, סטאַרעט מען זיך זי נישט צו פאַרטשעפּען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך זי, דאָרט אויפן קעראַ-מיק-בילד, ווייס וועגן דער סכּנה, וואָס שוועבט אַרום איר; זי פילט די באַציִונג צו איר פונעם מענטשן. אָבער זי ווייזט נישט אַרויס קיין שרעק — זי וויל נישט פאַרשאַפן מיר די פרייד.

אויך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי איז צופרידן, וואָס איך בין צו איר נישט גלייכגילטיק, ווייל ווי יעדע פרוי, פאַרטראָגט זי נישט קיין גלייכגילטיקייט. בעסער שׂנאה איידער גאָרנישט. דאַן עקזיסטירט זי אין די געדאַנקען פון אַ מאַן און שטערט אים זיין נאָרמאַל לעבן.

און עס איז געשען.

פונקט אין אַ יאָר אַרום, אויף מיין געבוירן־טאָג, האָט דער זעלבער באַקאַנטער מיינער, וואָס האָט מיר געשאָנקען דאָס קעראַמיק־בילד, אים פאַרטשעפעט. דאָס בילד איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אַ קליינער טייל, אַן איינציק האַלב־פאַרמאַכט אויג, האָט געקוקט אויף מיר מיט כּעס און פאַרביטערונג.

איך האָב זיך געפילט, ווי אַ פאַרברעכער. איך האָב ערשט דאַן פאַרשטאַנען, ווי זי איז מיר טייער. איך האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך וועל זיין אין צימער און זי נישט זען. און ווי וועל איך איינשלאָפן, אויב זי וועט נישט שמייכלען צו מיר מיט אירע פאַראיבלדיקע ליפּן ?

מיין באַקאַנטער איז געווען זייער באַזאָרגט. ער האָט מיך באַרויִקט, צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַר מיר זוכן פּונקט אַזאַ, נאָר אַן אַנדערע. אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז איך האָב נישט געדאַרפט קיין אַנדערע, נאָר זי.

איך האָב אָנגעהויבן צו לאַכן, נאַרן די געסט, אַז עס אַרט מיר נישט, אָבער זיך אָפּנאַרן האָב איך שוין נישט גע־קענט.

שפּעט ביי נאַכט, ווען איך בין געבליבן אַליין, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס צימער איז פּוסט, איך האָב פּרובירט זיך באַרויִקן, פּונקט ווי איך פלעג עס טאָן אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אָבער עס האָט מיר, פּונקט ווי דאָרטן, נישט

געהאָלפן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און די נערוון זענען געווען אָנגעצויגן.

אָבער די צייט היילט.

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרגעסן. אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך געשעמט וועגן דעם צו דערציילן. איך בין שוין לאַנג אַוועק פון מיין דירה און איך לעב שוין אַפילו אין אַן אַנדער לאַנד. איך האָב אַ סך וועגן וואָס זיך צו דערמאָנען. פאַראַן זאַכן, וועלכע איך דערמאָן שוין גאַנץ רויִק.

און נאָר ווען עס לעבט אויף אין מיין זכּרון דער געלאָק-טער קאָפּ מיט די האַלב-צוגעמאַכטע אויגן, מיט דעם פאַררי-סענעם נעזעלע און מיט די פאַראיבלדיק-שמייכלדיקע ליפּן, ווער איך טרויעריק. מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז איך בין באַגאַנגען אַן עוולה קעגן איר.

איך הייב אָן צו בענקען, ווי זי וואָלט געווען אַ לעבע-דיקער מענטש, צו וועלכן איך בין געווען ווייט נישט גלייכ-גילטיק.

אויסגעטראַכטער אמת

„פּאַרזעעניש" איז נישט געווען איר נאָמען, דאָס איז געווען דער צונאָמען. זי האָט געהאַט אַן אמת יידישן נאָמען, וועלכן מען האָט איר געגעבן, ווען זי איז געבוירן געוואָרן: זי האָט געהייסן — יפה.

די וועלט זאָגט, אַז דער נאָמען איז אַלע מאָל דער היפך צו דער ווירקלעכקייט. אַ ייד וואָס הייסט רייכמאַן איז אַ קבצן און גוטמאַן איז אַ רשע.

צי ס'איז באמת אַזוי, אָדער ס'איז אַ צופאַל — אָבער זי, יפה, איז געווען אַ פּאַרזעעניש: דינע קרומע פיסלעך, איין פלייצע העכער און דאָס פּנים — נישט פאַר קיין מיידל גע-דאַכט: אַ קאָפּ, אויף וועלכן די האָר וואַקסן ערגעץ-ווו ווייט צוליב איר גרויסן שטערן, אויגן — אָן ברעמען, אַ לאַנגע נאָז און אַ מויל ביז די אויערן.

ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווי אַלט זי איז. ביי אירע פינף און צוואַנציק יאָר האָט מען זי געקענט שאַצן אי אויף פופצן, אי אויף פערציק.

דערצו איז זי נאָך געווען שרעקלעך אָרעם. בלויז די אָרעמקייט האָט זי באַקומען בירושה פון אירע עלטערן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געהאַט אַ גאַנץ נאָרמאַלן אויסזען.

די אָרעמקייט האָט איר געצוווּנגען אָנצונעמען דעם פֿאָר־שלאָג פֿון אַ קינסטלער זי זאָל פּאָזירן צו אַ בילד.

זי האָט גוט פֿאַרשטאַנען די סיבה, וואָס האָט אַרויס־גערופֿן דעם פֿאָרשלאָג פֿונעם מאָלער, און דאָס האָט איר זייער געקרענקט.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער קינסטלער האָט גע־מאָלן, האָט זי זיך נישט איינגעקוקט אין זיין אַרבעט און זיך אָפּגעזאָגט צו זען דאָס בילד, ווען עס איז געווען פֿאַר־טיק.

ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז עס קומט פֿאָר אַ ביל־דער־אויסשטעלונג פֿון דעם קינסטלער, האָט זי איבערלעבט שרעקלעכע טעג. כּמעט איר גאַנצן לעבן פֿלעגט זי אויסמיידן צו קוקן אויף זיך אין שפּיגל. געזען האָבן זי נאָר די אַרו־מיקע שכנים, וואָס זענען שוין געווען צוגעוווינט צו איר.

דאָך, האָט זי זיך נישט געקענט באַהערשן און איז אַוועק אויף דער אויסשטעלונג.

זי איז שטיל אַריינגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ טונקעלן ווינקל. פֿון דער ווייטנס האָט זי געקוקט אויף די בילדער, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט געפֿינען. שטיל איז זי צוגעגאַנגען צום טיש און איינגעקוקט זיך אין דער רשימה פֿון די בילדער. זי האָט געלייענט פֿאַרשידענע נעמען: „די היינטיקע וועלט“, „די נאַכט“, „ערגעץ־ווו“, „דאָס לעבן“ — קיין איינער פֿון די נעמען האָט נישט געפּאַסט צו דעם, וואָס זי האָט געזוכט.

מיט אַ מאָל האָט זי דערזען, ווי אַ באַגייסטערטער עולם שטייט ביי אַ גרויס בילד. פֿון דער ווייטנס האָט זי נישט געקענט זען וואָס דאָס איז פֿאַר אַ בילד: די מענטשן האָבן עס פֿאַרשטעלט.

אַן עלטערער מאַן, וואָס איז געשטאַנען און באַקוקט דאָס בילד, איז אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט און האָט זיך אַוועק־געשטעלט נישט ווייט פון איר.

„וואָס איז דאָרט פאַר אַ בילד?" — האָט זי אים גע־פרעגט.

„אַ שיין בילד" — האָט דער מאַן געענטפערט — „עס הייסט — ,די היינטיקע וועלט'".

זי איז צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. אַ שוידער האָט דורכגענומען איר גאַנצן קערפּער, זי האָט דערזען זיך — און זי איז געווען „די היינטיקע וועלט".

אין דעם גאַנצן תּהום פון דעם תּהו ובהו האָט געשוועבט אונדזער היינטיקע וועלט, די וועלט איז געווען זי און זי איז געווען די וועלט. די וועלט האָט אויסגעזען עקלדיק, שוידערלעך, שרעקלעך. ווי אַ דורשטיקער פויגל האָט זי זיך געיאָגט מיט איר שנאָבל נאָך עפּעס נישט פאַרשטענדלעכס, אפשר נאָך זיך אַליין, כּדי עס צו פאַרניכטן. איר גרויס מויל האָט העסלעך געשמייכלט און דערביי אויסגעדריקט אַזאַ מין ווייטיק. דער האַלב־גאָלער קאָפּ האָט אָפּגעשפּיגלט די זונשטראַלן, וואָס זענען געפאַלן פון אויבן און האָבן גע־דריקט און געצוימט די ווילדקייט פון דער באַשעפעניש. הענט מיט לאַנגע נעגל האָבן געריסן איר אייגענעם קערפּער.

דער עולם איז געשטאַנען ביים בילד און געקוקט. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אין וואָס באַשטייט דער כּוח פון בילד, מיט וואָס ציט עס צו. און דאַן האָט זי דערזען אירע אויגן: שיינע, טיפע, קלוגע אויגן, וואָס זעען אַרום זיך דעם גאַנצן שוידער, און זיי בעטן, זיי באַפעלן, זיי שטראָ־פן און זיי וויינען. אָבער דער עקל אַרום איז שטאַרקער און דאָס ליכט פון די אויגן וויל עס באַהערשן. די אויגן פירן

אַ קאַמף. אויב זיי וועלן נישט זיגן, וועלן זיי ווערן פֿאַר־לאָשן.

זי איז, ווי אַ שכּורע, אַרויסגעגאַנגען פֿון דער אויסשטע־לונג. הייסט עס, זי איז שיין. הייסט עס, זי פֿאַרמאָגט אַזעלכעס, וואָס קען באַהערשן, וואָס קען צוציִען, וואָס קען באַפֿעלן.

מיט אַ הויך געהויבענעם קאָפּ איז זי אַריין אין אַן אויטאָבוס. צוויי יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צו שטופּן איינער דעם אַנדערן און צו לאַכן. זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף טאָן. זי וועט זיי באַהערשן מיט איר בליק, מיט אירע אויגן.

זי האָט אַ קער געטאָן איר פּנים צו די יינגלעך און טיף אַריינגעקוקט אין זיי מיט אירע אויגן. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און אַריבערגעלאָפֿן אויף אַן אַנדער באַנק. אָבער זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי ווייס איר כּוח, זי האָט דאָס אַליין געזען דאָרטן, אויפֿן בילד. זי האָט אָנגע־הויבן צו קוקן אויף די אַרומיקע. אַלע האָבן געמיינט, אַז זי איז אַ משוגענע און אָנגעהויבן זיך אָפּקערן פֿון איר. אַ יונ־גער מאַן האָט אַרויסגעפּירט פֿון אויטאָבוס זיין שוואַנגערע פֿרוי.

זי האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דאָרט, אויפֿן בילד, יאָ, און דאָ — נישט.

יעדן אָוונט פֿלעגט זי קומען אויף דער אויסשטעלונג, אַוועקזעצן זיך נישט ווייט פֿון בילד און קוקן. זי פֿלעגט זען אירע אויגן, פֿילן זייער כּוח און נישט קענען פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס נאָר אויפֿן בילד?

גאַנצע נעכט פֿלעגט זי נישט שלאָפֿן. פֿון פֿרימאָרגן איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, כּדי זיך צו איבערצייגן, אַז

זי האָט אין דער ווירקלעכקייט דעם זעלבן כּוח, וואָס אויפן בילד. זי האָט געקוקט אויף די אַרומיקע מענטשן און יענע, דערשראָקענע, פלעגן זיך פון איר אָפּקערן, אַנטלויפן.

יעדן אָוונט פלעגט זי אַן אויסגעמאַטערטע קומען אויף דער אויסשטעלונג און קוקן... טראַכטן און קוקן, טראַכטן און נישט קענען פאַרשטיין.

זי האָט געהערט, אַז וועגן דעם בילד שרייבט מען אין אַלע צייטונגען און אַז צוליב דעם בילד, איז דער קינסטלער געוואָרן באַרימט.

איר האָט זיך געוואָלט שרייען צו דער גאַנצער וועלט: „קוקט נישט אויף מיין מויל, קוקט נישט אויף מיין נאָז, קוקט אין מיינע אויגן!" אָבער זי האָט געשוויגן, זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח.

אין איינעם פון די אָוונטן איז זי געבליבן זיצן אַזוי פאַר־טראַכט שפּעט. זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח זיך אויפצו־הייבן פון אָרט. דער עולם איז שוין לאַנג פאַנאַנדערגעגאַנ־גען זיך, געבליבן איז נאָר דער מאָלער. ער איז צו איר צו־געגאַנגען, אָבער זי האָט אים נישט דערקענט. ער האָט גע־האָלפן איר אויפשטיין און ער האָט זי צוגעפירט ביז צו דער טיר. און זי, ווי אַ קליין קינד, איז מיטגעגאַנגען. דער מאָלער האָט אַריינגעלייגט געלט אין איר קעשענע און איז אַ צייט געשטאַנען און געקוקט מיט רחמנות אויף דער אומ־גליקלעכער, וועלכע האָט געבראַכט אַזוי פיל פרייד אים אין זיין לעבן.

זי איז ווידער געלעגן אין איר בעט און געטראַכט. און קיינער האָט איר נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דעם דער־פאָלג און די באַגייסטערונג האָט געשאַפן נישט דער כּוח פון אירע אויגן, נאָר דער טאַלאַנט פונעם קינסטלער — דער אויסגעטראַכטער אמת.

אַ מעשהלע

אין די זוניקע טעג, וואָס זענען אַזוי ווייניק ביי די ברעגעס פונעם באַלטישן ים, פלעג איך ליב האָבן זיצן אין שאָטן פון אַ בוים אין גאָרטן פון מיין דאַטשע און שרייבן.

איך פלעג זיין אַזוי פאַרטיפט אין מיין אַרבעט, אַז איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט באַמערקט די שכנותדיקע קינדער, וואָס פלעגן צונויפקלייבן זיך לעבן פלויט און נייגעריק קוקן אויף מיר, דעם מאָדנעם מענטש, וועלכער שרייבט פון אין דער פרי ביזן אָוונט.

איין מאָל האָב איך דערפילט אויף זיך די בליקן פון אַ צענדליק שוואַרצע, ברוינע, העל-בלאָע קינדערשע אויגעלעך. איך האָב אַ שמייכל געטאָן צו זיי. זיי האָבן אָנגעהויבן הויך צו לאַכן.

אין משך פון אַ פּאָר טעג זענען מיר געוואָרן גוטע-פריינד, איך האָב שוין געוווּסט ווער זיי זענען, ווי מען רופט זיי, וואָס זיי טוען, ווי זיי פאַרברענגען די צייט און ווער זענען זייערע עלטערן.

אין דער פרי, ווען איך פלעג אויפשטיין, האָבן זיי שוין געוואַרט אויף מיר און כאָטש דאָס האָט מיר געשטערט אין מיין אַרבעט, האָב איך דאָך געהאַט הנאה פון מיין נייער געזעלשאַפט.

איין מאָל, שפּאַצירנדיק אין וואַלד, האָבן זיי געפרעגט, וועגן וואָס איך שרייב. איך האָב פּרובירט זיי דערקלערן, אָבער זיי זענען געבליבן נישט צופרידן. איך האָב געפילט, אַז זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַנדערש, מער אינטע-רעסאַנטס.

און דאַן האָט איינער פון זיי געזאָגט: „שרייבט אָן עפּעס אַזוינס, אַז מיר זאָלן אויך פאַרשטיין. אָבער נישט אַזעלכע נאַרישע מעשׂהלעך, וואָס עס דערציילט אונדז די באָבע אָדער וואָס מען דרוקט אין די ביכלעך".

איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זיך צונויפקלייבן און איך וועל לייענען אַ מעשׂהלע, וואָס איך וועל אָנשרייבן ספּעציעל פאַר זיי. איך האָב אַוועקגע-שטעלט אַ באַדינג, אַז אין משך פון דער וואָך טאָרן זיי מיר נישט שטערן.

זיי האָבן מיר געפאָלגט און אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי זיך נישט באַוויזן לעבן מיין דאַטשע. איין מאָל האָב איך באַ-געגנט איינעם פון זיי אין אַ געשעפט. ער האָט געוואָרפן אויף מיר בליקן, ווי ער וואָלט געפרעגט: „וואָס הערט זיך ?" און איך האָב אים פונקט אויף אַזאַ אופן געענט-פערט מיט די אויגן: „אין אָרדענונג", און ער איז אַ צו-פרידענער אַוועקגעלאָפן.

נאָר דער אמת איז געווען, אַז איך בין ווייט נישט גע-ווען אין אָרדענונג. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט ווי אָנ-צוהייבן.

איינער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז פאַר קינדער מוז מען שרייבן פּונקט אַזוי גוט, ווי פאַר דערוואַקסענע, נאָר אַ ביסעלע בעסער.

איך האָב קיין מאָל אַזוי נישט מורא געהאַט פאַר קרי-טיק, ווי דאָס מאָל. איך בין פּשוט נישט געשלאָפן ביי נאַכט.

אין גאַס האָבן די אַרומיקע שכנים געקוקט אויף מיר מיט נייגער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע יונגע פריינד האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן און דערציילט זייערע קרובים און באַקאַנטע דעם סוד, אַז איך שרייב עפּעס ספּעציעל פאַר זיי.

אין דעם באַשטימטן טאָג זענען אַלע מיינע יונגע פריינד שוין פון אין דער פרי געווען לעבן מיין דאַטשע — יום-טוב-דיק אָנגעטאָן און די האָר צוגעקעמט און צוגעגלעט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט אַליין האָט פאַרשטאַנען אונדזער שטימונג און נישט פאַרפּלאַנירט אויף יענעם טאָג קיין רעגן.

מיר זענען אַוועק אין וואַלד צו דעם זעלבן אָרט, ווו מיר זענען געווען מיט אַ וואָך צוריק. זיי האָבן זיך אַוועקגע-זעצט אַנטקעגן מיר און איך האָב אָנגעהויבן זיי דערציילן אָט דאָס מעשׂהלע:

אין אַ ווייטער, ווייטער מדינה, ערגעץ-ווו הינטער גרוי-סע ימים, אין אַ קליין שטעטעלע, האָבן געלעבט מענטשן, פּונקט אַזעלכע ווי מיר. זיי האָבן געאַרבעט, געלערנט זיך, געשלאָפן, געגעסן, געטרונקען. און קליינע קינדער, אַזעלכע ווי איר, פלעגן אין די זומערדיקע טעג שפּילן זיך, באָדן זיך, שטיפן, לויפן, שפּרינגען.

דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן איז פאָרגעקומען אַ לאַנגע צייט צוריק און דעריבער געדענק איך נישט די נע-מען פון די מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין יענעם שטע-טעלע. איך ווייס נאָר, אַז די קינדער זענען געווען אַלע

זייער קלוגע און שיינע. ביי זיי אַלעמען זענען געווען גע־קרייזלטע האָר, אויגעלעך טונקל־ברוינע, ווי קאַרשן, און ווייסע ציינדעלעך, ווי פּערל.

די קינדערלעך פלעגן זיך פרייען מיט דער אַרומיקער וועלט. אַלץ האָבן זיי ליב געהאַט, און אַלץ, וואָס איז גע־ווען אַרום, האָט זיי ליב געהאַט. הינט פלעגן אויף זיי נישט בילן, קעץ פלעגן זיך רייבן ביי זייערע פיסעלעך און פייגע־לעך פלעגן זינגען פאַר זיי די שענסטע לידעלעך.

מערער פון אַלץ האָבן די קינדערלעך ליב געהאַט אַרומ־צולויפן איבער די גרינע פעלדער און איבער די זאַמדיקע ברעגן פון טייך.

בלויז איין יינגעלע איז נישט אַרומגעלאָפן מיט זיי צו־זאַמען. ער פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג ביים פענצטער און קוקן, קוקן...

די פייגעלעך האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס ער איז אַנדערש, ווי אַלע קינדערלעך. די הינטעלעך מיט די קעצעלעך, וואָס זענען שטענדיק מיטגעלאָפן מיט די קינ־דערלעך, פלעגן פון צייט צו צייט קומען צום פענצטער, ביי וועלכן ס'איז געזעסן יענער יינגעלע און זיצן מיט אים צוזאַ־מען, כדי אים זאָל נישט זיין לאַנגווייליק.

און געזעסן אויף איין אָרט איז דאָס יינגעלע, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אָן פיסעלעך.

אַזוי יעדן טאָג פלעגט דאָס יינגעלע זיצן און קוקן, ווי אַנדערע קינדער שפּילן זיך. ער פלעגט זיצן און וואַרטן, אַז גיכער זאָל קומען די נאַכט.

יעדע נאַכט פלעגט זיך אים חלומען, אַז ער האָט, פּונקט ווי אַלע קינדערלעך, צוויי קליינע פיסעלעך און ער לויפט אַרום מיט אַלעמען צוזאַמען, ער שפּרינגט און ווען ער ווערט

מיד זעצט ער זיך אַוועק ביים ברעג טייך, לאָזט אַראָפּ זיינע צוויי פּיסעלעך און קוקט, ווי זיי שפּילן זיך מיטן וואַסער.

נאָר יעדן פרימאָרגן, ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, האָט ער דערזען, אַז די פּיסעלעך זענען נישטאָ, אַז זיי זענען געבליבן דאָרטן, אין חלום.

דאָס יינגעלע האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס האָט ער נאָר ביי נאַכט זיינע פּיסעלעך, פאַר וואָס האָט ער זיי נישט ביי טאָג, ווי אַלע קינדערלעך.

ווען קיינער פלעגט נישט הערן, פלעגט ער רעדן מיט גאָט. ער פלעגט זאָגן:

„גאָטעניו, דו ביסט דאָך דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט. דו קענסט דאָך מאַכן אַלץ, וואָס דו ווילסט. גאָטעניו, איך בין דאָך אַזאַ קליינינקער און דו ביסט דאָך גרעסער פון אַלעמען. פאַר וואָס ווילסטו מיר נישט העלפן? פאַר וואָס האָסטו מיך באַשאַפן אָן פּיסעלעך?"

און גאָט האָט געשוויגן.

איין מאָל האָט דאָס יינגעלע געזאָגט צו גאָט:

„גאָטעניו, אויב דו ווילסט מיר נישט העלפן, ביסטו נישט קיין גוטער. איז נישט אמת, וואָס מיין מאַמע דערציילט וועגן דיר. און אויב דו קענסט נישט, ביסטו דאָך נישט אַזאַ מעכטיקער, ווי מען זאָגט".

אין איינעם פון די פרימאָרגנס, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ווידער דערזען, אַז עס פעלן אים זיינע צוויי פּיסעלעך, האָט ער געזאָגט:

„גאָטעניו, אפשר, ביסטו ברוגז אויף מיר, וואָס איך טראַכט וועגן דיר שלעכט, זיי מיר מוחל, גאָטעניו. שטראָף מיך נישט, איך בין דאָך אַזאַ קליינינקער".

אין יענעם טאָג האָט די זון ווייניק געשיינט, דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט אַ דונער.

— גאָט בייזערט זיך אויף מיר! — האָט צעשראָקן געטראַכט דאָס יינגעלע.

נאָר גאָט איז נישט געווען אין כּעס. גאָט האָט זייער ליב געהאַט דעם יינגעלע, נאָר ער האָט אים נישט געקענט העלפן. גאָט קען באַשאַפן נאָר פון דאָס ניי, גאָט קען אויך צעשטערן; גאָט קען שטראָפן און גאָט קען מוחל זיין. אָבער איבערמאַכן די וועלט, ענדערן די נאַטור, קען אַפילו גאָט אויך נישט. דאָס אַלץ האָט ער אַוועקגעגעבן אין רשות פונעם מענטשן. אַפילו זייער גורל האָט ער אַוועקגעגעבן אין זייערע הענט.

קוקנדיק אויפן יינגעלע און הערנדיק זיינע ווערטער, האָט גאָט נישט געקענט זיך מוחל זיין, וואָס ער האָט אַליין זיך באַגרענעצט אין זיין כּוח. דאָס האַרץ פון גאָט האָט געווייטיקט נאָך שטאַרקער, ווי דאָס האַרץ פון יינגעלע.

די קומענדיקע נאַכט, ווען דאָס יינגעלע איז אין חלום ווידער אַרומגעלאָפן אַ גליקלעכער, האָט גאָט געקוקט אין דעם יינגעלעס פריילעכע אייגעלעך און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר מער נישט צונעמען פונעם יינגעלע זיין פרייד. ער מוז בלייבן אַ גליקלעכער.

אין דער פרי האָט גאָט נישט אויפגעוועקט דאָס יינגעלע. און ווען ער איז געלעגן מיט זיינע פאַרמאַכטע אייגעלעך אויף זיין בעטעלע, זענען אַלע פייגעלעך זיך צונויפגעפלויגן און געזונגען. צענדליקער קינדערלעך, וואָס זענען געקומען באַגלייטן דעם יינגעלע, האָבן פאַרוווּנדערט געקוקט אויף זיין שמייכלדיקן פּנימל.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון די ווייטע הימלען, צוזאַמען מיט די זונשטראַלן, קוקט גאָט אַליין אַרונטער מיט אויגן פולע מיט רחמנות, ווי ער וואָלט געזאָגט:
„דאָס איז אַלץ, וואָס איז געווען אין מיינע כּוחות!"

ווען איך האָב געענדיקט דערציילן, האָבן אַלע קינדער געשוויגן. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט אויגן פון דערוואַקסענע מענטשן. איך האָב געפילט, אַז זיי זענען געוואָרן עלטער, קליגער און אַז זיי הייבן אָן צו פאַרשטיין די פרייד פון לעבן, די פרייד פון אַ נאָרמאַלן לעבן ביי נאָרמאַלע מענטשן.

אַ טראַגיש־קאָמישע געשיכטע

ווען אַנדערסאָן האָט באַקומען זיין נייעם פּאַס אויף אַ יידישן נאָמען, האָט ער זיך געפילט, ווי אויפן פערד.

און טאַקע, וואָס איז פאַר אים געווען דאָס וויכטיק־סטע? ראַטעווען זיין לעבן. און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן.

ער האָט געדאַרפט אָנהייבן אַן אַנדער לעבן. אים האָט נישט אינטערעסירט, וואָס פאַר אַ לעבן, אַבי לעבן!

און וואָס האָט ער געהאַט צו פאַרלירן? אַ קליינער אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק אָן פּערספּעקטיוון אויף עטוואָס בעסערס. דאָס, וואָס האָט ביי אים אַ בליץ געטאָן, ווען ער איז געוואָרן אַן ס.ס.־אָפיציר, איז אַוועק מיטן רויך. פון זיין פּרנסה־שטעלע, ווי אַ פּאָליציי־שעף אין יידישן געטאָ, איז קיין זכר נישט געבליבן.

ווען די ענגלענדער האָבן באַפרייט די שטאָט, איז דער באַרימטער ס.ס.־אָפיציר אַנדערסאָן נאָך דאָרט געווען. ער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן.

זיינע גוטע־פריינד האָבן אים אַ צייט אויסבאַהאַלטן, מען האָט פאַר אים באַקומען אַן אַלטן פּאַס פון אַן אומגעקומענעם ייד, מען האָט אים געמאַכט די נייטיקע אָפּע־

ראַציעס, כּדי צו ענדערן זיין פּנים, אויף וועלכן עס האָט געשיינט אַ שניט, אַ ירושה פון אַ סטודענטישן דועל. מען האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און אָנהייבן אַרבעטן.

אַנדערסאָן האָט געלעבט איינזאַם און שטאַרק מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איבער די גאַסן גייען אַרום יידן, געראַטעוועטע פון געטאָ.

אין דער שטאָט זענען געווען ווייניק יידן. אַלע זיינע באַקאַנטע זענען געווען קריסטן. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ ייד, נאָר אַזוי ווי ער פלעגט נישט גיין אין בית-הכּנסת און מיט די יידן זיך נישט חברן, האָבן זיי אים גע-האַלטן פאַר אַ זייעריקן.

אַנדערסאָן פלעגט זיך זייער שלעכט פילן, ווען די יידן פלעגן אַריינגיין צו אים נאָך אַ נדבה אָדער בנוגע וועלכע נישט איז יידישע ענינים. כּדי זיי נישט דערבייזערן, פלעגט ער זיי אין קיין זאַך נישט אָפּזאָגן.

איין מאָל האָט די יידישע קהילה געקליבן געלט אויף אויפצושטעלן אַ נייעם פלויט אַרום דעם יידישן בית-עולם. דער גבאי פון שול, וואָס איז געקומען צו אַנדערסאָנען בעטן דאָס געלט, האָט געזאָגט:

„מען זאָל נישט דאַרפן, אָבער מען איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש. נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיר אַלע דאָרטן זיין“.

הערנדיק די ווערטער האָט אַנדערסאָן דערפילט, ווי אַ שטראָם בלוט האָט צוגעשפּאַרט צו זיין מוח.

הייסט עס, ער אויך? אויפן יידישן בית-עולם? אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט און קיין מאָל וועגן דעם נישט געטראַכט.

לעבן ווי אַ ייד, איז נישט אַזוי שרעקלעך, אָבער שטאַרבן ווי אַ ייד?!

פון יענעם טאָג אָן האָט אַנדערסאָן מער נישט געקענט געפינען זיך קיין אָרט. דער האַס צו יידן איז ביי אים גע־וואָרן נאָך שטאַרקער. די שׂנאה איז געוואַקסן און ער האָט זיך געפילט, ווי אַ באַלאָן, וואָס מען בלאָזט אָן אַלץ מער און מער, און אָט־אָט וועט ער פּלאַצן.

אַנדערסאָן האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, נישט געקענט שלאָפן. אים איז געווען שווער צו אַרבעטן. זיינע באַקאַנטע האָבן באַמערקט, אַז ער זעט אויס שלעכט. זיי האָבן אים געפרעגט, וואָס איז די סיבה. אָבער וואָס זאָל ער זיי ענט־פערן?

יעדן טאָג פלעגט ער קוקן אין שפּיגל און זען דאָרטן אַן אויסגעדאַרט פּנים מיט צוויי אויסגעגלאָצטע צעשראָ־קענע אויגן.

ער האָט געוווּסט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וואָס. און דאָס האָט אים פּשוט משוגע געמאַכט.

סוף־כּל־סוף האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער צו שטאַרבן אַלס ייד, איז בעסער דערציילן דעם אמת, גיין אין תּפיסה, און ווען עס וועט זיין באַשערט, וועט ער קומען צו גאָט, ווי אַן ערלעכער קריסט.

אַנדערסאָן איז אַוועקגעפאָרן אין יענער שטאָט, אין וועל־כער ער איז אויסגעוואַקסן ביז אַן ס.ס.־אָפיציר. ער איז אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר פון דער באַנק, וווּ ער האָט אַ מאָל געאַרבעט.

דער דירעקטאָר האָט נישט געקענט פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. מען בעט אים, אַז ער זאָל באַשטעטיקן,

אַז דער מענטש, וואָס זיצט ביי אים, איז זיין געוועזענער אָנגעשטעלטער אַנדערסאָן.

דער דירעקטאָר געדענקט גאַנץ גוט אַנדערסאָנען. ער פלעגט אים אויך שפּעטער זען אין דער ס.ס.-אוניפאָרם. יאָ, אַזאַ פריילעכער, מיט אַ שניט אויף דער באַק.

אָבער וואָס וויל פון אים אָט דער משוגענער?

אַנדערסאָן האָט געפילט, אַז וואָס מערער ער רעדט, אַלץ ווייטער גייט אַוועק די ערד אונטער זיינע פיס. ער האָט אָנגעהויבן בעטן דעם דירעקטאָר, אַז יענער זאָל זיך גוט איינקוקן אין זיינע אויגן. צי דען דערקענט ער אים נישט?

דער דירעקטאָר האָט געקוקט אויף דעם מאָדנעם מענטשן. ער געדענקט, אַז ביי אַנדערסאָנען איז געווען אַ קאָפּ מיט געדיכטע האָר, און ביי דעם מענטשן אויפן קאָפּ — אַ בינטל גראָע הערעלעך.

ווען אַנדערסאָן האָט אָנגעהויבן צו וויינען, איז דעם דירעקטאָר געוואָרן קלאָר, אַז צו אים איז געקומען אַ משוגענער. דאָס מוז זיין, האָט ער געטראַכט, איינער פון די יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ, און זיין משוגעת באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַנדערסאָן.

אַ געשריי האָט איבערגעריסן דעם דירעקטאָרס געדאַנקען. דאָס האָט געשריגן אַנדערסאָן. ער האָט געסטראַשעט, ער האָט זיך געבעטן.

דער דירעקטאָר האָט זיך דערשראָקן, אַז דער משוגענער זאָל אים עפּעס נישט אָפּטאָן און ער האָט אָנגעהויבן אַנדערסאָנען צו באַרויִקן. ער האָט אים געזאָגט, אַז אַ ביסל דערמאָנט ער זיך יאָ, אַז לכתחילה האָט ער אים נישט דערקענט, ווייל ער האָט זיך זייער געענדערט. נאָר איצט,

וואָס ווייטער, דערמאָנט ער זיך אַלץ בעסער. ער וועט איצט גיין אַריינרופן אַנדערסאָנס געוועזענע קאָלעגן, זיי וועלן אויף געוויס זיך מיט אים דערפרייען. מען וועט אַ ביסל שמועסן, דערמאָנען זיך די אַמאָליקע צייטן, אויסטרינקען אַ קליינעם קאָניאַק און אפשר וועט ער ווידער אָנהויבן דאָ אַרבעטן.

אַנדערסאָן איז געזעסן אַ צעבראָכענער און האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז מען נאַרט אים.

דער דירעקטאָר איז אַרויס פון צימער און האָט טעלע-פאָנירט צו זיינעם אַ גוטן-פריינד, אַ דאָקטאָר אין משוגעים-הויז.

ווען אין צימער זענען אַריין צוויי געזונטע סאַניטאַרן אין ווייסע כאַלאַטן, האָט אַנדערסאָן אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער ער איז געווען רויק. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אין משוגעים-הויז וועט מען, אויף געוויס, אונטערשיידן אַ משוגענעם פון אַ קלאָרן און דער דאָקטאָר וועט אים העלפן פאַרבינדן זיך מיט דער פּאָליציי.

איידער דער דאָקטאָר פונעם קראַנקנהויז, אַ באַוווּסטער פסיכיאַטער, האָט אונטערזוכט אַנדערסאָנען, האָט ער גע-האַט אַ לאַנגן שמועס מיטן דירעקטאָר פון באַנק. פון דעם, וואָס דער דירעקטאָר האָט אים דערציילט, האָט דער דאָק-טאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שווערער פאַל פון משו-געת, ווען אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז ער איז אַן אַנדערער. קאָמפּליצירט איז דער פאַל מיט דעם, וואָס דאָס איינרע-דעניש איז אַ רעזולטאַט פון אַ טיפער איבערלעבונג.

דער פסיכיאַטער האָט געוווּסט, אַז ווען אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז ער איז ווער-נישט-איז, וואָס איז אים סימפּאַ-טיש, האָט דער קראַנקער פון דעם הנאה. אָבער, ווען מען

שליסט זיך איבער אין אַ געשטאַלט פון אַ פּיינטלעכן מענטשן, מאַטערט עס דעם קראַנקן. אַזאַ משוגענעם מוז מען ראַטעווען, ערשטנס, פון זיין מאַטערניש און, צווייטנס, פון זיין איינרעדעניש.

גלייך פון דעם ערשטן שמועס מיט אַנדערסאָנען האָט דער דאָקטאָר דערפילט, אַז אים וועט זיין זייער שווער אַנאַליזירן די פּסיכיק פון אָט דעם קראַנקן. פון איין זייט איז דעם דאָקטאָר געווען קלאָר, אַז אַנדערסאָן איז אַ משוגענער. קען דען אַ קלאָרער מענטש מיט זיין אייגענעם ווילן רוקן זיין קאָפּ אין דער תּליה? עס געשעען אַזעלכע פאַלן, אָבער זיי קומען פון אַ שטאַרקן עגמת-נפש אָדער פון אַנדערע וויכטיקע סיבות. אָבער דאָ? די איינציקע סיבה איז, אַז ער וויל נישט מען זאָל אים, ווען ער וועט שטאַרבן, מקבר זיין אויפן יידישן בית-עולם. פון דער אַנדערער זייט האָט דעם דאָקטאָר זיך געדאַכט, אַז דער קראַנקער רעדט, ווי אַ קלאָרער.

אַזאַ פאַל איז זייער קאָמפּליצירט אין דער פּסיכיאַטריע.

דער דאָקטאָר האָט גראָד געשריבן אַ וויסנשאַפטלעך בוך וועגן זיינעם אַ נייעם מעטאָד צו היילן משוגעים און ער האָט באַשטימט צו עקספּערימענטירן זיין דערפינדונג אויף אַנדערסאָנען. דער רעזולטאַט פון היילן האָט זיך געדאַרפט מערקן ערשט נאָך עטלעכע חדשים, ווען ביים קראַנקן וועט ווערן אָפּגעשוואַכט דער קעגן-קאַמף און ער וועט אין גאַנצן זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון דאָקטאָר.

דאָס וואָס אַנדערסאָן פלעגט אָפּט זיין רויק און אַ מאָל אויך רעדן לאָגיש, האָט זייער געהאָלפן דעם דאָקטאָר צו שמועסן מיט אים, ווי מיט אַ קלאָרן און פּרובירן אים איבערצייגן אינעם אַבסורד פון זיין איינרעדעניש.

ביסלעכווייז האָט זיך אַנדערסאָנען אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט. אפשר איז ער אויף אַן אמת משוגע? אפשר האָט ער זיך נאָר איינגערעדט, אַז ער איז אַנדערסאָן? ערגעץ-ווו, ווייט אין זיין מוח, פלעגט אָפט פאַרבייפליִען אַ געדאַנק, אַז, כּדי צו זיין געזונט, מוז ער גלויבן, אַז ער איז נישט אַנדערסאָן, נאָר אַ געראַטעוועטער ייד פון געטאָ.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט אַנדערסאָן שוין פאַרשטאַנען, אַז זיין גרעסטער ווונטש איז רויִק לעבן און פאַר קיינעם נישט מורא האָבן. פאַר אים איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איינציקע, וואָס עס שטערט אים צו באַפרייען זיך פון זיין קאָשמאַר, איז זיין נישט גלייבן דעם דאָקטאָר.

זיינע געדאַנקען האָבן אים געבראַכט צו אַ באַשלוס, אַז זיין קאַמף קעגן דעם דאָקטאָרס ווילן איז אַ רעזולטאַט נישט פון זיין נישט-גלייבן, נאָר פון זיין עקשנות. הייסט עס, ער מוז זיך באַפרייען פון עקשנות. זיין ווילן זיין געזונט האָט פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט זיין גלייבן דעם דאָקטאָר, און זיין ווידערשטאַנד האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ שוואַכער.

אַנדערסאָן איז געוואָרן אויף אַן אמת משוגע. ער האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער איז אַ ייד און אַז אַנדערסאָן איז געווען דער, וואָס האָט געוואָלט אים אומברענגען.

אַנדערסאָן האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער האָט זיך באַפרייט פון זיין משוגעת.

און דער דאָקטאָר, זעענדיק, אַז זיין מיטל האָט געהאָלפן, האָט, ערשטנס, אַרויסגעלאָזט אַנדערסאָנען פון משוגעים-הויז, ווי אַ געזונטן, און, צווייטנס, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אַ נייעם קאַפּיטל צו זיין וויסנשאַפטלעכן בוך.

בעריאָזקעלעך

זאַלבעצווייט זענען זיי געשטאַנען, עלנטע, אומעטי־קע. צווי בעריאָזקעלעך. איינע — אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט ברייט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע צווייגן און די צווייטע — אַ קלענערע, אַ באַשיידענע. אירע צווייגן פלעגט זי שעמעוודיק צודריקן צו איר קערפּער.

ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווי זענען זיי געקומען אַהער, אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקעלע, ווייט פון דער שטאָט, ווייט פון אַ וואַלד.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען זייער איינזאַם און זיי איז שווער צו קעמפן מיט דער ברענענדיקער זון און מיט די בייזע רעגנס. פלעגט פאַרוואָלקנט ווערן דער הימל, פלעגן זיי זיך טוליען איינע צו דער צווייטער און מיט שרעק וואַרטן אויף די דונערן און בליצן.

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט געדיכטע וועלדער מיט הונדערטער ביימער, און אַז דאָרטן, אין די וועלדער, איז פריילעך. איינער פאַרהיט דעם צווייטן ; אין די קעלטן וואַרעמט איינער דעם אַנדערן און אין די היצן קילט מען זיך אין דעם שאָטן פון די טויזנטער צווייגן.

זיי האָבן נישט געוווּסט פון דעם, ווייל קיינער האָט עס זיי נישט דערציילט. קיינער האָט מיט זיי נישט גערעדט. בלויז זיי ביידע פלעגן איינע פאַר דער אַנדערער אויסגיסן דאָס האַרץ.

נאָר דאָ, גאָר נישט לאַנג, האָט זייער לעבן באַקומען אַ נייעם אינהאַלט. צוויי מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קומען אונטער זייער שאָטן. יעדן אָוונט פלעגן די צוויי מענטשן באַהאַלטן זיך דאָ פון דער אַרומיקער וועלט. זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי זען און מען זאָל הערן זייערע סודות.

די צוויי פאַרליבטע מענטשן האָבן נישט געוווּסט, אַז איצט זעען און הערן זיי צוויי נייגעריקע בעריאָזקעלעך, אַז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שלינגען זיי זייער יעדן וואָרט.

„דו האָסט געהערט, וואָס זי האָט אים דערציילט?" — האָט געפרעגט די שלאַנקע בעריאָזקעלע ביי איר קלענערער חברטע — „דו האָסט פאַרשטאַנען?"

„יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען" — האָט שעמעוודיק געענטפערט די צווייטע — „זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אַ מאַן, אָבער איך ווייס נישט וואָס דאָס איז".

„דו ווייסט נישט?" — האָט זיך צעלאַכט די ערשטע און קאָקעטיש אַ פאָכע געטאָן מיט אירע צווייגן — „צי דען געדענקסטו נישט, ווי פאַר אַ יאָרן פלעגן אַהערקומען גרויסע און קליינע מענטשן, דאָ עסן און טרינקען. און איינע אַ פרוי, וואָס פלעגט מיך שטענדיק אַרומנעמען, האָט איין מאָל געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ שיינעם הער, אַז דאָס איז איר מאַן. יעדע פרוי האָט איר מאַן!"

דאָס קלענערע בעריאָזקעלע האָט זיך פאַרטראַכט און פאַרוווּנדערט געזאָגט:

„אויב יעדע פרוי האָט איר מאַן, און די וואָס קומט איצט אַהער יעדן אָוונט, האָט אויך אַ מאַן, איז פאַר וואָס קומט זי אַהער נישט מיט איר מאַן, נאָר מיט אַן אַנדערן ?"

„אָט, דאָס וווּנדערט מיך !" — האָט געזאָגט דאָס הויכע בעריאָזקעלע — „דער יונגער מאַן, וואָס קומט מיט איר, איז אויך אַ מאַן פון אַן אַנדערער פרוי !"

די צוויי ווייסע בעריאָזקעלעך האָבן נאָך אַ צייט גערעדט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זייערע געסט. אפשר, וועט עפּעס וואָס פאַר זיי ווערן קלאָר.

אויך אויף מאָרגן איז דער אָוונט געווען אַ שיינער. די זון איז נישט לאַנג צוריק פאַרגאַנגען און דאָס אָנגעקומענע שטילע ווינטל האָט געקילט די אָנגעברענטע אין משך פון טאָג אַרומיקע גראָזן.

די שיינע פרוי איז דאָס מאָל געקומען פריִער פאַר דעם יונגן מאַן און זי האָט מיט אומגעדולד געקוקט אַהין, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט קומען. זי איז געווען זייער שיין, שענער, ווי נעכטן. שטייענדיק אַזוי, אַ שלאַנקע אין איר ווייסן קלייד, האָט זי אויך אויסגעזען, ווי אַ יונג בעריאָז-קעלע, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו אירע אַלטע באַקאַנ-טע. די ביידע באַלעבאָסטעס האָבן פריינדלעך געגלעט איר האַלדז און צעוואָרפן אירע לאַנגע בלאָנדע האָר. אָבער זי האָט עס נישט באַמערקט, זי איז געווען זייער אויפגערעגט.

די ביידע בעריאָזקעלעך זענען געווען העכער פאַר דער בלאָנדער שיינער פרוי און דעריבער האָבן זיי פריִער פאַר איר דערזען דעם יונגן מאַן, וואָס האָט זיך געאיילט אַהער. זיי האָבן געוואָלט זאָגן איר וועגן דעם, באַרויִקן, אָבער זיי האָבן נישט געקענט רעדן. זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער צו

גלעטן איר פּנים מיט זייערע צווייגן, אָבער זי האָט עס נישט געפילט.

שפּעטער האָט זי אים דערזען. ער איז צוגעלאָפן צו איר, זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. נאָר זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און נישט רעאַגירט אויף זיין קוש.

„וואָס איז מיט דיר ?" — האָט דער יונגער מאַן פאַרוווּנדערט געפרעגט.

ביידע בעריאָזקעלעך האָבן זיך איינגעבויגן, כּדי בעסער צו הערן, וואָס זי וועט זאָגן. זיי האָבן זייער געוואָלט וויסן, וואָס ס'איז געשען.

„מיין מאַן האָט וועגן אַלץ זיך דערוווּסט" — האָט זי שטיל געענטפערט — „מען האָט אים דערציילט, אַז מיר טרעפן זיך ביידע, ער האָט ביי מיר געפרעגט און איך האָב אים געזאָגט דעם אמת".

„וויי, דעם אמת ?" — האָט ער צעשראָקן געפרעגט.

„איך האָב זיך פאַר אים מודה געווען, אַז איך האָב דיך ליב, אַז דו ביסט מיין געליבטער".

„און ער, ער ?" — דער יונגער מאַן האָט געטרייסלט איר פּלייצע און געקוקט איר גלייך אין די אויגן.

„ער ? ער איז מסכּים מיר צו געבן אַ גט. און איצט מוזטו אויך דערציילן דיין ווייב".

„וויי, דערציילן ?" — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען — „ווי קען איך זי גטן ? און מיינע קינדער ?"

„דו ליבסט דאָך מיך און נישט דיין ווייב. אַזוי האָסטו דאָך מיר געזאָגט. הייסט עס, דו האָסט מיר גענאַרט ?"

זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען. די ביידע בעריאָזקעלעך האָבן געהאַט שטאַרק רחמנות אויף דער יונגער פרוי, אָבער זיי האָבן איר נישט געקענט העלפן. זיי האָבן נישט געקענט

רעדן, ווי מענטשן, און די יונגע פרוי האָט נישט פאַרשטאַ-נען זייער שפּראַך.

זעענדיק, אַז זי וויינט, האָט דער יונגער מאַן אָנגעהויבן זי צו באַרויִקן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פּרובירן רעדן מיט זיין ווייב, נאָר דערווייל זאָל זי שווייגן, ווייל טאָמער וועט זיין ווייב דאָס דערוויסן זיך פון אַן אַנדערן, וועט עס נישט טויגן.

די יונגע פרוי האָט זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן שמייכ-לען. זיי האָבן פאַרבראַכט דעם אָוונט, ווי אַלע מאָל. די ביידע בעריאָזקעלעך האָבן געוווּסט, אַז איצט טאָר מען נישט קוקן און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט. די קלענערע, די שעמעוודיקע, האָט זיי פאַרדעקט מיט אירע צווייגן.

שפּעטער, ווען די בעריאָזקעלעך זענען געבליבן אַליין, האָבן זיי אַ צייט גערעדט וועגן דעם, וואָס האָט פּאַסירט, אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער יונגער מאַן און די שיינע פרוי דאַרפן זיך טרעפן דאָ באַהאַלטענערהייט, בעת ער האָט אַ ווייב און זי האָט אַ מאַן, און אויך האָבן די בעריאָזקעלעך נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס גטן זיך.

דעם קומענדיקן אָוונט האָט דער יונגער מאַן געזאָגט, אַז ער איז געווען זייער פאַרנומען ביי דער אַרבעט און דע-ריבער האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו רעדן מיט זיין ווייב. היינט אָוונט וועט ער עס טאָן.

אָבער אויף מאָרגן איז ער נישט געקומען. די בעריאָזקע-לעך האָבן נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה. זיי האָבן גע-זען, ווי די שיינע פרוי זיצט אַליין און שווייגט. זיי האָבן גע-זען, אַז זי טראַכט. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועגן וואָס זי טראַכט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט ביי איר פרעגן.

דריי אָוונטן האָט זי געוואַרט און ער איז נישט געקומען. אויפן פערטן האָבן די ביידע בעריאָזקעלעך אים דערזען גיי-ענדיק. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט און אָנגעהויבן צו רוישן מיט די צווייגן. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און אים דערזען. זי איז געפאַלן אין זיינע אָרעמס און געקוקט אים גלייך אין זיינע אויגן, ווי זי וואָלט געפרעגט: „נו, וואָס? דו האָסט דערציילט דיין ווייב?"

די ביידע בעריאָזקעלעך האָבן געקוקט אויף דעם יונגן מאַן. זיי האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן, צי ער האָט דער-ציילט זיין ווייב.

ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען עס בשום אופן נישט טאָן, ווייל זיין ווייב וועט עס נישט אויסהאַלטן. ער קען נישט איבערלאָזן זיינע קינדער אָן אַ פאָטער. זי, זיין געליבטע, האָט נישט קיין קינדער און דערי-בער קען זי עס נישט פאַרשטיין. אָבער איין זאַך מוז זי וויסן, אַז ער ליבט נאָר זי און מער קיינער עקזיסטירט נישט פאַר אים. אויב זי ליבט אים אויף אַן אמת, דאַרף זי אים פאַר-שטיין און אים מוחל זיין. אויב זי ליבט אים, טאָר זי נישט ברעכן זיין לעבן. זי דאַרף אַלץ טאָן, כּדי זיין ווייב זאָל וועגן דעם נישט וויסן.

די בעריאָזקעלעך האָבן אַלץ געהערט און מיט מיטגע-פיל געקוקט אויף דער שיינער בלאָנדער פרוי. יענע איז גע-זעסן רויִק און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זי שמייכלט. זי האָט געזאָגט דעם יונגן מאַן, אַז ער זאָל זיין רויִק, אַז זי וועט קיינעם נישט דערציילן. איר מאַן וועט אויף געוויס איר מוחל זיין און ער וועט אויך שווייגן. זיין ווייב קען אויך זיין רויִק, קיינער וועט אים פון איר נישט אַוועקנעמען.

ביידע בעריאָזקעלעך האָבן געזען, אַז דער יונגער מאַן איז צופרידן. ער האָט געוואָלט זי אַ קוש טאָן, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט. דאָס מאָל האָבן די בעריאָזקעלעך נישט גע־דאַרפט אָפּקערן זיך און די קלענערע האָט נישט געדאַרפט צודעקן זיי מיט אירע צווייגן.

אַ לאַנגע צייט נאָך פלעגט די יונגע פרוי קומען אַליין יעדן אָוונט אונטער דעם גערויש פון זייערע צווייגן. דער יונ־גער מאַן פלעגט מער נישט קומען און די שיינע פרוי פלעגט ליגן אַליין, קוקן אין הימל און טראַכטן.

עס זענען אָנגעקומען די קאַלטע אָוונטן און די שיינע בלאָנדע פרוי האָט אויפגעהערט צו קומען.

די בעריאָזקעלעך האָבן שטאַרק געבענקט נאָך איר, זיי האָבן זייער געוואָלט זי זען, נאָר זי איז שוין אַהער מער קיין מאָל נישט געקומען.

דער סוֹד איז געבליבן אַ סוֹד.ביימער זענען דאָך נישט קיין מענטשן און זיי האָבן קיינעם נישט דערציילט.

נאָר אויב ווער פון די לייענער איז אַ מענטש אַן אייפער־זיכטיקער און די טרויעריקע געשיכטע וועט אַרויסרופן ביי אים נישט קיין געזונטע געדאַנקען וועגן זיין פאַמיליע־לעבן, זאָל ער זיין רויק, ווייל אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן שאָטן פון די צוויי בעריאָזקעלעך, איז אַ פאַנטאַזיע פונעם שרייבער.

באָריס מאַטוועיעוויטש

באָריס מאַטוועיעוויטש איז געווען פון די גאָר אַלטע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן געקעמפט אין די רייען פון די באָלשעוויקעס.

די אַלטע צאַרישע מאַכט האָט אים געהאַט פאַרשיקט אין דעם וויטן קאַלטן סיביר פאַר זיינע געפערלעכע רעדעס אויף די סטודענטן-„סכאָדקעס", ווו ער פלעגט פרעדיקן וועגן אַלוועלטלעכן פראָלעטאַריאַט און זיין קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

ער פלעגט קענען זייער לאָגיש איבערצייגן, אַז דער קלאַסנקאַמף שטייט העכער פאַר אַלע אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַל-בורזשואַזע געפילן און אַז ביי אים פערזענלעך ווערט זיין יידישער אָפּשטאַם פאַרזונקען אין דער טיפעניש פון זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידעאַלן.

און אַט טאַקע פאַר די זעלבע זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידעאַלן איז ער, זייענדיק שוין אַ פרייער בירגער פון ראַטן-פאַרבאַנד, געוואָרן פאַרשיקט נאָך ווייטער פון סיביר לויטן באַפעל פון זיינע בעסטע קאַמפּספריינד, איבערגעגעבענע סטאַליניסטן.

איך האָב נישט געוווסט, ווי אַזוי אים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען זיין לעבן. פאַר מיר איז אויך געווען אַ

רעטעניש, ווי אַזוי ער האָט געקענט אַרויספּאָרן פון דאָרטן.

אונדזער באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען פיל שפּעטער, גאַנץ צופעליק. מיר זענען געווען שכנים. איך האָב געהערט וועגן זיין רייכער פאַרגאַנגענהייט, אָבער איך האָב קיין מאָל נישט געוואַגט שטעלן אים קשיות.

איך האָב נישט מסכים געווען מיט פיל מיינע באַקאַנטע, אַז ער איז שוין אַן עבר-בטל. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, ווי האָב איך געדולד אָפּצוזיצן מיט אים אָוונטן און שמועסן.

מיך פלעגט נישט וווּנדערן, וואָס דער שוואַכער זקן איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ ביסל מיסטיש געשטימט. איך האָב פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער דאַוונט יעדן טאָג אין טלית און תּפילין. דאָס איז געווען נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געביטן זיינע מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען אויף אי־דעאַליסטישע. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז אַ מאָל האָט ער געגלויבט אין דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציע שטאַרקער, ווי היינט — אין גאָט. באָריס מאַטווע־יעוויטש האָט פאַרלוירן זיין גלויבן אין דער צוקונפט און דעריבער איז זיין היינט געווען אָן שום פּערספּעקטיוון. אָבער אַ מענטש מוז זיך אויף וואָס נישט איז באַזירן. כּדי צו באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ, האָט ער אויסגעמעקט פון זיין לעבנס-געשיכטע זיין גאַנצן אַנטוישונגס-פּעריאָד און גע־זוכט אין זיינע אַלטע קינדערשע טראַדיציעס אַ ביסל וואַ־רעמקייט.

מיינע באַקאַנטע האָבן געמיינט, אַז ער איז נישט שטאַרק נאָרמאַל, ווייל ער איז געווען מיט אַלץ צופרידן און אַלע מענטשן אַרום אים זענען, לויט זיין מיינונג, געווען גוטע.

איין מאָל בין איך אַריין צו באָריס מאַטוועיעוויטשן אין דער פרי און געזען, ווי ער באַוועגט זיך קוים-קוים מיט

דער הילף פון אַ שטעקן. איך האָב געפרעגט ביי אים, וואָס ער מאַכט אין געזונט.

„זייער און זייער גוט !" — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל —„ביי אונדז אין הויז" — האָט ער געזאָגט — „לעבט אַן אַלטע בלינדע פרוי. זי ליגט שוין אַן באַוועגונג אין בעט אַ יאָר. שטעלט אייך פאָר, ווען מען וואָלט דער פרוי געזאָגט, אַז זי וועט קענען אַרומגיין איבערן צימער מיט אַ שטעקן, וואָלט זי דאָך געווען גליקלעך. און ווען זי וואָלט נאָך געוווּסט, אַז זי וועט קענען זען, וואָלט זי גע-ווען איבער-גליקלעך. און איך הער, און איך זע, און איך באַוועג זיך — איז פאַר וואָס זאָל איך נישט זיין צופרידן ? איך זע, מיין פריינד, אַז איר קוקט אויף מיר סקעפּטיש און איר טראַכט, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן בעסערס פון דעם, וואָס איר זעט דאָ, וועל איך ענטפערן, אַז אויף בעסערס איז נישטאָ קיין גרונט און קיין מאָס !"

מיין פריינדשאַפט מיט באָריס מאַטוועיעוויטש האָט מיר באַרייכערט. ער האָט פאַר מיר אויפגעבלעטערט בלעטלעך פון דער געשיכטע, וועלכע עקזיסטירן נישט אין קיין בוך. עפּיזאָדן, ביאָגראַפיעס, אידעאַלן, פאַרברעכנס, ליבע, האַס, הפקר, גליק פון אומבאַגרענעצטער פריינדשאַפט און ווייטיק פון אַנטוישונג.

אַלץ האָט ער מיר דערציילט בכלל, וועגן זיך — גאָרנישט. זיין באַהאַלטן זיך האָט אָפּגעשוואַכט מיין דרייסטקייט אים צו פרעגן. און וויסן האָב איך געוואָלט. ערשטנס, האָב איך געהאַלטן, אַז ס'איז אַ פאַרברעכן מיטנעמען אויף יענער וועלט אַזעלכע זכרונות און, צווייטנס, — מיין געוויינלעכער מענטשלעכער נייגיר.

נאָר ס'איז געווען נאָך אַ „דריטנס". און דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע. איך האָב געפילט, אַז אָט דער אַלטער מענטש וויל עפּעס דערציילן, אַז אים מאַטערט זיין שווייגן. איך פלעג אָפט באַמערקן אין זיינע אויגן אַ מאָדנעם ווייטיק, טרויער. איך האָב געפילט, אַז מען מוז באַפרייען דעם מענטשן פון זיין ליידן, געבן אים די מעגלעכקייט אויסגיסן זיין האַרץ. דער מאָמענט איז געקומען.

דאָס איז געווען אין איינעם פון די קאַלטע ווינטער־אָוונטן. אים איז שוין געווען שווער צו באַוועגן זיך און ער איז געלעגן אין בעט. מיין שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. איך האָב געפילט, אַז אָט דער מענטש, וואָס איז מיר נאָענט, גייט אַוועק פון מיר.

באָריס מאַטוועיעוויטש האָט באַמערקט מיין שטימונג און האָט געזאָגט, ווי אַלע מאָל, מיט אַ שמייכל:

„ווי מיינט איר, מען דאַרף זיך צואיילן? עס קען נאָך, גאָט באַהיט, געשען, אַז איך זאָל אַוועקגיין פריִער, איידער איר וועט דערהערן דאָס, וואָס אירווילט וויסן. און ווילן ווילט איר שטאַרק. צי דען מיינט איר, אַז איך פאַרשטיי נישט? מען דאַרף נישט זיין אַזוי שעמעוודיק. איך וואַרט שוין לאַנג, אַז איר זאָלט פרעגן. עס ווייזט אויס, אַז איך וועל זיך נישט דערוואַרטן".

איך האָב מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געהאָרכט דעם מענטשן, וואָס פאַרשטייט יענעמס ווילן, וואָס לייענט יענעמס געדאַנקען.

ער האָט אַ צייט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. דערנאָך האָט ער האַלב צוגעמאַכט זיינע אויגן און איך האָב

געמיינט, אַז ער שלאָפט. איך האָב שוין געוואָלט אַרויסגיין פון צימער, נאָר דאַן האָב איך דערהערט זיין שטילע שטים:

„אויב מען וואָלט אייך געזאָגט, אַז אייער גליק איז אָפּ-הענגיק נאָר פון אַ קלייניקייט: איר דאַרפט אָנדריקן אַ קליינעם קנאָפּ, אָבער דערביי וואָלט מען אייך געזאָגט, אַז פון דעם וועט ווערן אויפגעריסן די ערד ערגעץ-ווו אין דער ווייטער אַפריקע און עס וועלן אומקומען טויזנטער אייך אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָלט איר עס געטאָן?"

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין דירעקטע פראַגע, דעריבער האָב איך געשוויגן און געוואַרט, וואָס וועט ער נאָך זאָגן.

„יאָ, מיין פריינד, ווען די שיף, אויף וועלכער דו שווימסט, גייט צו גרונט און דו האָסט די מעגלעכקייט זיך צו ראַטע-ווען איינער אַליין אויף אַ קליין שיפעלע, און דערביי ווייס-טו, אַז אויב די נעמסט אַריין צו זיך אין שיפעלע כאָטש איין מענטש, ווערט איר ביידע דערטרונקען, מוזסטו, זאָגט די היינטיקע וועלט, דערשטיקן אין זיך דעם געפיל פון רחמנות און ראַטעווען זיך. דו טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז אויב דו וועסט נישט האָבן דעם מוט אָפּצוהאַקן די פינגער, וואָס כאַפּן זיך אָן ביי די ברעגן פון דיין שיפעלע, וועסטו ווערן דערטרונקען. און דו טוסט עס. דו האַקסט אָפּ נישט נאָר די פינגער, נאָר אויך קעפּ פון דיינע גוטע באַקאַנטע, פון דיינע בעסטע פריינד, חברים. און דערנאָך הייבסטו אָן זיך צו באַרויִקן, אַז זיי וואָלטן סיי-ווי-סיי אומגעקומען, אָבער מיט דיר צוזאַמען. אַזוי פילאָזאָפירסטו, אַזוי טראַכסטו. אָבער טראַכטן — טראַכט דער מוח, און פילן — פילט דאָס האַרץ. געפילן פאַרשטייען נישט קיין לאָגיק. זיי ווייסן נישט אַפילו וואָס דאָס איז? איר שווייגט, מיין פריינד? איר פרעגט

נישט? און אפשר דאַרף מען נישט. עס איז שוין קלאָר! איך בין נישט דערטרונקען געוואָרן. איך האָב געראַטעוועט מיין לעבן אָבער נישט געקויפט קיין גליק".

באָריס מאַטוועיעוויטש האָט שווער אָפּגעאָטעמט. ער האָט שוין נישט געשמייכלט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, אָבער אַזוי שטיל, אַז איך האָב געמוזט זיך איינבייגן, כּדי אים צו הערן.

„איך ווייס, אַז אַזאַ מין פילאָזאָפיע פון ראַטעווען זיך, איז אייך פרעמד. מיר, יידן, פאַרשטייען עס נישט. מיר זענען אַ פאָלק פון שטאַרקע געפילן, פאַר אונדז רחמנות איז נישט קיין געוויינלעכער געפיל, נאָר אויך אַ פילאָזאָפישער געדאַנק פון אַ הויכער מאָראַל. ביי אונדז איז עס נישט קיין געפיל, וואָס דערנידעריקט יענעם, נאָר אַ פּועל-יוצא פון אַ גרויסער ליבע און רעספּעקט צו דעם, וועמעס איז דיר נאָענט און טייער".

איך האָב געפילט, אַז אים איז שווער צו רעדן, נאָר איך האָב אים נישט געשטערט.

„איך בין זייער מיד" — האָט ער געזאָגט — „מיר ווילט זיך שלאָפן. נאָר איך האָב מורא, אַז איך וועל זיך מער נישט אויפכאַפּן און דעריבער..."

איך האָב דערזען אויף זיין פּנים דעם אַזוי גוט באַקאַנטן שמייכל. ער האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין קישן אַן אַלטע צייטונג און זי מיר געגעבן. ווען איך האָב דערזען, אַז ער שלאָפט, בין איך שטיל אַרויס פון זיין צימער. אין דער צייטונג, וואָס ער האָט מיר געגעבן, האָב איך דורכגעלייענט:

„ווען די נאַצי-מערדער האָבן פאַרלאַנגט פינף און צוואַנציק יידן פאַר לאָזן לעבן דעם מעזשיבעזשער רבין, האָט דער רבי אברהם יהושע העשל פון טאַרנאָפּאָל זיך אָפּגעזאָגט צו

ווערן געראַטעוועט אויפן חשבון פון אַנדערע. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, האָט ער געהייסן אָפּוואַרפן דעם פּאָרשלאָג, און ער איז אַליין געגאַנגען צום טויט על קידוש-השם".

באָריס מאַטוועיעוויטש האָט מיר נישט אָפּגענאַרט, ער האָט זיך טאַקע מער נישט אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף.

איך בין געווען זיין איינציקער נאָענטער פריינד און דע-ריבער האָב איך געזאָגט קדיש ביי זיין קבר.

יעקעלע

די גאַנצע זאַך האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ צופאַל. אמת, ער האָט שוין פון קינדווייז-אָן געטראַכט און גע-חלומט צו ווערן באַרימט, אַלע זאָלן וועגן אים וויסן און אַלע זאָלן וועגן אים רעדן.

ער האָט זיך פשוט איינגערעדט, און ער האָט אין דעם געגלויבט, אַז ער איז אַ טאַלאַנטפולער מענטש, און אויב ער איז נישט גרעסער פון ביאַליקן, איז ער לכל הפחות נישט קלענער פון אים.

ער האָט געשריבן, געמעקט און ווידער געשריבן, געשאַפן און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן נישט צוליב דער אייגענער הנאה, נישט צוליב פרייד פון מענטשן, נאָר צוליב זיין אומ-שטערבלעכקייט.

זייענדיק נאָך אַ קליין יינגל, אַ שילער, האָט ער זיך גע-האַלטן באַזונדער פון זיינע חברים, געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ און אַז ער פלעגט נישט קענען ענטפערן אויף דער פראַגע פון לערער (און דאָס איז געשען גאַנץ אָפט), האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ העלדישקייט, אַז ער איז אַ קרבן פון זיין גרויסקייט, ווייל זיין טאַלאַנט קען זיך נישט אַרונטערלאָזן צו אַזעלכע זאַכן, ווי מאַטעמאַטיק, געאָגראַ-פיע וכדומה.

אפשר איז די שטרעבונג צו ווערן גרויס און באַרימט גע-ווען אַ רעזולטאַט פון זיין אינערלעכער פּוסטקייט און זיין אויסערלעכן אויסזען. ער איז געווען קליין געוואַקסן, נידע-ריקער פון זיינע חברים, כאָטש ער איז געווען עלטער פון זיי. מען קען נישט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מיאוסער, אָבער עפּעס אָפּשטויסנדיקס איז געווען אין זיין פּרצוף. ער פלעגט קנייטשן דעם שטערן, גלאָצן מיט די אויגן, מען זאָל מיינען, אַז ער איז פאַרטיפט אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס פאַר אַנדערע איז עס נישט פאַרשטענדלעך. זיינע דינע ליפּעלעך פלעגן אַרויסקוועטשן אַ מאָדנע שמייכעלע, ווי ער וואָלט פּרובירט ווייזן זיין ביטול-באַציִונג צו דער נאַרישער וועלט, וואָס פאַרשטייט נישט דעם מהות פון לעבן און, דער עיקר, וואָס קען נישט דערהויבן זיך ביז צו זיין גרויסקייט.

זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען — יעקב, אָבער פון קינדווייז-אָן האָט מען אים גערופן יעקעלע. אָט אַזוי האָט אים, אויס ליבע, אָנגערופן זיין מאַמע. אַזוי האָבן אים גע-רופן אַלע, וואָס האָבן אים געקענט און אַזוי האָבן אים גערופן זיינע חברים. דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט און פאַרביטערט זיין לעבן. ער האָט געחלומט, אַז ווען ער וועט ווערן אַ וועלט-באַרימטער דיכטער, וועט ער האָבן אַן אַנ-דער נאָמען. ער האָט נאָך נישט צוגעטראַכט פאַר זיך קיין פּסעוודאָנים, נאָר ער וועט געפינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועט קלינגען אין דער וועלט, און אַלע וועלן וויסן נאָר דעם נייעם נאָמען, אַלע וועלן פאַרגעסן, אַז מען האָט אים אַ מאָל גערופן מיטן נאָמען יעקעלע; מיטן נאָמען פאַר וועלכן ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט מוחל זיין דער מאַמען.

אַזוי איז ער געוואַקסן, איינגעגלויבט אין זיך, ביז צופע-ליק האָט פּאַסירט אַ פּשוטע קלייניקייט, וואָס האָט גע-עפנט פאַר אים אַ נייעם וועג אין זיין לעבן.

ער האָט דערזען אַ בוך וועגן אַ גרויסן מענטשן. אין דעם בוך זענען געווען געדרוקט בלויז בריוו. די געדאַנקען, די געפילן, דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם מענטשן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די געדרוקטע אותיות.

דאָס זענען געווען בריוו צו דער פרוי, צו די קינדער, צו באַקאַנטע.

יעקעלע האָט אַ מאָל געלייענט די ווערק פון דעם גרויסן קינסטלער. ער האָט באַוווּנדערט זיין אַרט שרייבן, זיין שאַרף אויג, וואָס האָט אַלץ באַמערקט און אַלץ געזען, און די הויפּטזאַך — דער שרייבער האָט פאַרשטאַנען צו באַשאַפן לעבעדיקע מענטשן מיט לעבעדיקע געפילן און לעבעדיקע געדאַנקען.

אָבער די בריוו! דאָס איז געווען אַ קוואַל פון עפּעס נייס. און יעקעלע האָט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף קנייטשן דעם שטערן, גלאָצן מיט די אויגן און שמייכלען מיט זיינע דינע ליפּעלעך.

ער האָט געלייענט. אים האָט נישט באַגייסטערט דאָס, וואָס ער האָט זיך פלוצעם באַקענט מיט די אינטימסטע געפילן פון אַ גרויסן קינסטלער, ער האָט נישט געהאַט בדעה צו לערנען עפּעס פאַר זיך, כּדי צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון דאָס ניי. נייַן. זיין קליינוווּרדיקייט האָט אים געשטערט צו ווערן גרעסער, בעסער, מענטשלעכער.

ער האָט געטראַכט גאָר פון אַן אַנדער זאַך.

אויך ער מוז איבערלאָזן פאַר דער וועלט בריוו, וועלכע זאָלן ווערן געדרוקט, מענטשן זאָלן זיי לייענען און באַוווּנדערן זיין גרויסקייט.

דאָס איז געוואָרן זיין איינציקער ציל אין לעבן, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט געשריבן בריוו צו זיינע עלטערן,

ברידער, באַקאַנטע. דערנאָך פלעגט ער די בריוו פון זיי צו-ריקנעמען און זיי קלייבן ביי זיך. ער האָט אויך אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָגבוך.

אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז נישט געווען זיינס, עס זענען געווען נישט זיינע געפילן, נישט זיינע גע-דאַנקען. ער האָט נישט געטראַכט וועגן יענעם, צו וועמען ער האָט געשריבן און אַפילו נישט וועגן זיך, נאָר וועגן די, וואָס וועלן די בריוו נאָך פיל יאָרן לייענען.

ער האָט געהאַסט זיין אייגענע מאַמע (אַלץ פאַר „יעקע-לע״) — און האָט איר געשריבן ווערטער פון איבערגעגעבע-נער ליבע; ער האָט נישט געקענט מוחל זיין דעם טאַטן די שמיץ, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין פוילקייט און שלעכט לערנען און דאָך האָט ער געשריבן בריוו פון שטאָלץ מיט אַזאַ פאָטער, ווי זיינעם.

אים האָט זיך אַזוי געוואָלט אָנשרייבן לעבעדיקע ווער-טער צו חנהלען, וועלכע ער האָט באמת ליב געהאַט, זאָגן איר אַ פּאָר פשוטע וואַרעמע ווערטער און אונטערשרייבן זיך מיט זיין אמתן נאָמען — יעקעלע.

אָבער ער האָט עס נישט געטאָרט, מענטשן וועלן זען אין אים אַ שוואַך פאַרליבט בחורל. האָט ער חנהלען געשריבן פילאָזאָפישע אַפאָריזמען, וועגן מענטשלעכער חכמה, וועגן זיין באַגייסטערונג מיט די נייע דערפינדונגען אין דער וויסנ-שאַפט און פאַנטאַסטישע פלאַפלעריי וועגן זייער צוקונפטיק איינזאַם לעבן אויף דער לבנה.

חנהלע האָט געלייענט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן זיינע בריוו, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און — חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. און דאַן האָט ער איר אָנגעשריבן אַ בריוו (פאַקטיש נישט איר, נאָר דער מענטשהייט), און זי געבעטן

אומקערן אים אַלע זיינע בריוו, כּדי קיין זאַך זאָל איר נישט דערמאָנען וועגן אים. ער האָט געשריבן, אַז די זכרונות קע-נען איר פאַרשטערן דאָס לעבן, ווייל איר גליק איז אים טייערער פון זיינעם.

און אַזוי יאָרן לאַנג האָט ער געבויט זיין צוקונפט. ער האָט פאַרגעסן, אַז מען דרוקט בריוו נאָר פון אַ גרויסן מענ-טשן, און כּדי צו זיין אַ גרויסער מענטש, מוז מען עפּעס שאַפן. אָבער לידער האָט ער געשריבן אַלץ ווייניקער. ער האָט געשריבן בריוו. און ווען ער האָט עס פאַרשטאַנען, איז שוין געווען שפּעט.

ער איז שוין נישט געווען קיין דיכטער. אפשר איז ער קיין מאָל נישט געווען קיין דיכטער.

אים האָט שוין נישט געקענט ראַטעווען דער שענסטער פסעוודאָנים. ער איז געבליבן אַ יעקעלע. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפּזיצן מיט דער פעדער אין האַנט, אַרומגערינגלט מיט פּעק בריוו, אין וועלכע עס זענען געווען פרעמדע, נישט פאַר-שטענדלעכע פּוסטע געדאַנקען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעלעבט, כּדי צו באַשאַפן עפּעס אַ פרעמדן מענטשן, און פון אים, דעם ריכטיקן יעקעלע, וועט קיין שום אָנדענק נישט בלייבן.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער אָנגעהויבן אויף אַן אמתן ערלעך צו פילן און וועגן אָט די געפילן האָט ער געוואָלט אָנשרייבן דעם אמת. אָבער ער האָט שוין נישט גע-קענט, ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. ער איז נישט געווען אי-בערצייגט צי זיין אמת איז אַן אמת.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָט ער אָנגעשריבן וועגן זיך בלויז איין אמתן וואָרט — יעקעלע.

דיק

דיק איז געווען אַ שיינער ברוינלעך-געלער הונט פֿון דער וואָלף-משפּחה. ער איז געווען גרויס און הויך. אין זיין שטאָלצן און זיכערן הילוך האָט זיך געפֿילט אַ גראַציע און אינטעליגענץ. די הויפּט-מעלה ביי דיקן איז געווען זיין חכמה. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַלץ, וואָס מען רעדט צו אים און ער פֿלעגט זיך באַליידיקן, ווען מען האָט געספּקט אין דעם.

דיק איז געווען גוט דערצויגן. ער פֿלעגט מיט זיין בילן נישט שטערן, ער האָט באַוועגט זיך אין צימער נאָר דאַן, ווען ער האָט דערפֿילט אינעם שמועס אַ פּויזע.

אַלץ וועגן וואָס מען האָט גערעדט, איז אים געווען באַ-קאַנט. ווען מען האָט דערציילט אַ וויץ, פֿלעגט דיק אין זיך לאַכן, אָבער נישט פֿון דער שאַרפֿזיניקייט (הינט האָבן זייער אייגענעם ספּעציפֿישן הומאָר), נאָר פֿון די מענטשן, וואָס האָבן דעם וויץ נישט פֿאַרשטאַנען. דיק האָט געוווּסט, אַז אויב מענטשן פֿאַרשטייען נישט קיין וויץ, זענען זיי אַנדערש, נישט אַזעלכע, ווי זיין באַלעבאָסטע. דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ סימן אונטערצושיידן אַ קלוגן פֿון אַ נאַר.

זיין באַלעבאָסטע, קלער, איז געווען די קליגסטע, די שענסטע און די בעסטע אין דער וועלט. זי האָט אים גע-לערנט, אַז דאָס וויכטיקסטע אין לעבן איז פאָלגן יענעם, נישט נאַרן קיינעם און טאָן נאָר גוטס.

ווען קלער פלעגט אים באַשטראָפן אָדער זיין מיט אים נישט צופרידן, האָט ער געוווּסט, אַז איר קרענקט עפּעס. דיק איז קיין מאָל נישט געווען שולדיק ; ער האָט געוווּסט, אַז די טבע פון מענטשן איז אויסגיסן דעם צאָרן אויף אַן אַנדערן, אַן אומשולדיקן. און אויב דאָס איז די טבע פון אַ מענטשן, הייסט עס, מוז אַזוי זיין. אַ מענטש איז דער גרעסטער און דער קליגסטער אויף דער וועלט. אַ מענטש הערשט איבער דער גאַנצער וועלט, ער איז דער באַשעפער פון דער וועלט. און איבער אַלעמען שטייט קלער. קלער איז גאָט. נישט אין הימל, נאָר אויף דער ערד, לעבן אים. דער גאָט איז הייליק. אַלץ, וואָס ער טוט, איז ריכטיק, און אויב ער שטראָפט, מעג ער, ווייל ער איז גאָט.

קלער פלעגט אָפט רעדן מיט דיקן, דערציילן אים אַלץ, וואָס איז ביי איר אויפן האַרצן. דיק האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער פלעגט זיך אָפט וווּנדערן, פאַר וואָס קלער מאַכט אַזוי שווער געוויינלעכע זאַכן, פאַר וואָס זי לעבט איבער צוליב נאַרישקייטן.

ער פלעגט קוקן אויף קלער מיט זיינע קלוגע אויגן און האָט געוואָלט זי פרעגן וועגן אַ סך זאַכן. די הויפּטזאַך, האָט ער געוואָלט זי בעטן, זי זאָל זיך נישט טרעפן מיט אַרטורן. דיק האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס האָט אַרטור מער רעכט פון אַלע אַנדערע מענטשן. פאַר וואָס, ווען אַרטור מיט קלער בלייבן אַליין, נעמט אַרטור זי אַרום און קלער קושט אים און קוקט אַזוי מאָדנע אין זיינע אויגן.

מען קען נישט זאָגן, אַז דיק איז געווען אייפערזיכטיק, דאָס איז געווען אַן אַנדער געפיל: אים האָט פאַרדראָסן, וואָס קלער לאָזט זיך אַראָפּ צו אַזאַ מענטשן, ווי אַרטור.

מער פון אַלץ האָט געשראָקן דיקן, וואָס צווישן אַרטורן און קלער זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע זאַכן, סודות. קיין זאַך האָט קלער נישט באַהאַלטן פון דיקן, אַלץ האָט ער גע-ווּוסט. נאָר ווען זי איז פאַרבליבן אַליין מיט אַרטורן, פלעגט זי דיקן אָפּט אַרויסשיקן פון צימער.

דיקן פלעגט זיך חלומען, אַז ער רעדט מיט קלער און זי פאַרשטייט אים. ער זיצט לעבן קלער און שמועסט מיט איר. ער פרעגט און קלער ענטפערט. דיק באַרויִקט און דער-קלערט אַזוי, ווי עס פאַרשטייט זיין הינטישער מוֹח. און יעדעס מאָל דערציילט ער קלערן, אַז די בריליאַנטן-קאָליע, וואָס איז ביי איר פאַרפאַלן געגאַנגען, און זי האָט באַשול-דיקט אין דעם איר דינסט מערי, האָט אַרטור צוגענומען. דיק האָט עס מיט זיינע אייגענע אויגן געזען. בעת מעשׂה האָט דיק געשוויגן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, דאָס טוט דאָך אַ מענטש. נאָר שפּעטער, ווען דיק האָט געזען די פאַרוויינטע מערי און האָט געהערט ווי אַר-טור מעלדעט דער פּאָליציי, אַז מערי האָט עס געגנבעט, האָט דיק פאַרשטאַנען, אַז עס זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע מענטשן, און דאָס שרעקלעכסטע איז, אַז זיין גאָט ווייס נישט וועגן דעם.

דיק האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די זעלבע קלער, וועלכע האָרכט אים זייער אויפמערקזאַם אין די חלומות, פאַר-געסט אויף מאָרגן אַלץ. נאָר שפּעטער, ווען ער האָט דערזען אין חלום זייער קאַץ, וועלכע איז פאַריקן יאָר געשטאָרבן און מען האָט זי באַגראָבן אין גאָרטן, אַז זי איז אַ לעבעדי-

קע און שפּילט זיך מיט אים, האָט דיק אָנגעהויבן צו פֿאַר־שטיין, אַז אַ חלום איז עפּעס אַנדערש, נישט אַזוי ווי די ווירקלעכקייט. גענוי האָט ער זיך אין דעם איבערצייגט, ווען ער האָט נאָך אַ זאַטן מיטאָג אין חלום, זיך אויפֿגעכאַפּט אַ הונגעריקער.

אין איינער פֿון די נעכט, ווען דיקן האָט מען אַרויסגע־שיקט אין אַן אַנדער צימער, האָט ער דערהערט קלערס גע־שריי. ער האָט געוואָלט לויפֿן צו איר, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער מעג אַריינגיין נאָר דאַן, ווען קלער רופֿט אים. זי האָט אים נישט גערופֿן, זי האָט געשריִען. דיק האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ סכּנה. ער איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר, געוואָלט זי עפֿענען, נאָר די טיר איז געווען פֿאַרשפּאַרט. קלער פֿלעגט קיין מאָל די טיר נישט פֿאַרשליסן. הייסט עס, דאָס האָט געטאָן אַן אַנדערער. און דער אַנדערער איז אַר־טור, ער איז דאָך ביי קלער אין שלאָפֿצימער. און פֿאַר־שפּאַרט די טיר האָט ער דערפֿאַר, כּדי דיק זאָל נישט קענען אַריינגיין. פֿאַר וואָס? דיק זאָל אים נישט שטערן!

אָט די אַלע געדאַנקען האָבן, ווי בליצן אין משך פֿון אַ פּאָר סעקונדעס דורכגעדונערט אין דיקס מוח. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז אַרטור שטייט ביי קלערס טיש און נעמט צו אירע בריליאַנטן.

דיק האָט אויפֿגעבראָכן די שויב פֿון פֿענצטער און אַרויס־געשפּרונגען פֿון צווייטן שטאָק. די אַריינגאַנגס־טיר איז גע־ווען אָפֿן. דיק איז אַריינגעלאָפֿן אין שלאָפֿצימער. אַרטור איז דאָרט נישט געווען. קלער איז געלעגן אויפֿן דיל. זי האָט זיך נישט באַוועגט. דיק האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון בלוט.

דיק האָט געוווּסט, אַז בעת אַ סכּנה רופֿן מענטשן פּאָלי־ציי. ער איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס, צוגעלאָפֿן צו דער פּאָ־

ליצײ-קאָנטאָר און אָנגעהויבן בילן. דיק האָט געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט און אַלע פּאָליציסטן האָבן אים גע-קענט. אויב דיק איז געקומען זײ רופן, הייסט עס, אַז עס איז געשען עפּעס ווײכטיקס.

שפּעטער האָט דיק געהערט, ווי די מענטשן, וואָס זענען אַרײַן אין צימער, האָבן געזאָגט, אַז קלער איז טויט.

ער האָט געוווּסט נאָך פֿון אַ מאָל, אַז אויך מענטשן שטאַרבן און מען באַגראָבט זײ אין דער ערד, פּונקט ווי זײַן באַקאַנטע קאַץ, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט פֿאָר-שטעלן, אַז זײַן גאָט קען שטאַרבן.

ווען אַלע מענטשן זענען אַרויס פֿון צימער און קלער האָט מען אַוועקגעפֿירט אין אַן אויטאָ, האָט דיק פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן לעבן איז מער קיין לעבן נישט. ווי קען מען לעבן אָן אַ גאָט? דיק איז געווען איבערצײַיגט, אַז אין גיכן וועט אונ-טערגיין די גאַנצע וועלט, ווײַל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מיט איר אָנפֿירן. גאָט איז געשטאָרבן!

אַזוי ליגנדיק אַליין האָט דיק באַמערקט אין ווינקל, אונ-טערן בעט עפּעס אַ זאַך. ער האָט זיך צוגעקוקט. דאָס זענען געווען ברילן, אַרטורס ברילן. אַרטור האָט שלעכט געזען אָן ברילן. ער פֿלעגט זײ אַרונטערנעמען נאָר פֿאַרן גיין שלאָפֿן.

הייסט עס, אַרטור איז געשלאָפֿן אָן ברילן. דיק האָט גוט געוווּסט, אַז אַרטור קען זיך קוים באַוועגן אָן ברילן. דיק האָט זיך דערפֿרייט. איצט וועט ער קענען זיך אָפּשפּילן אויף אַרטורן. ער האָט גענומען די ברילן, אַוועקגעטראָגן זײ אין גאָרטן און באַגראָבן זײ אין דער ערד. אַ מידער איז ער אַרײַן צוריק אין קלערס שלאָפֿצימער, זיך אַוועקגעלייגט לעבן איר בעט און אײַנגעשלאָפֿן.

אין חלום האָט ער געזען קלער אַ לעבעדיקע און זיי האָבן געשמועסט. וועגן די ברילן האָט ער נישט דערציילט, ער האָט מורא געהאַט, אַז קלער וועט אים הייסן זיי צוריק אַוועקגעבן.

ווען דיק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, איז ער געווען זייער אומעטיק. ער האָט שוין געוווּסט דעם אונ-טערשייד פון ווירקלעכקייט און חלום. ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, אָבער ער איז נישט געווען הונגעריק. ער איז געלעגן און געטראַכט וועגן קלער.

אפשר איז ער שולדיק? אפשר האָט ער נישט געדאַרפט אין אַלץ פאָלגן קלער? וואָס הייסט נישט פאָלגן? דאָס איז דאָך איינער פון די גרונט-יסודות פון רעכט אויף צום לעבן.

פאַר נאַכט האָט דיק דערהערט טריט. עס זענען אַריין אַרטור, אַ פּאָליציסט און נאָך איינער, אָנגעטאָן אין פּריוואַ-טע קליידער. אַרטור איז געווען אָן ברילן און דער פּאָליציסט האָט אים געהאָלפן זיך צו באַוועגן. דער דריטער האָט אַרומ-געקוקט אַלע ווינקלעך, געקראָכן אונטערן בעט, איבער-געשטעלט אַלע שטולן, דעם טיש, אַפילו אָפּגערוקט דעם אַלמער פון וואַנט.

דיק האָט פאַרשטאַנען, אַז מען זוכט אַרטורס ברילן, אַז מען האָט אויף אַרטורן רחמנות און מען וויל אים העלפן.

דיק איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט באַהאַלטן די ברילן. דאָס האָט ער זיך נוקם געווען איבער אַרטורן.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען שפּעטער, האָט אין גאַנצן איבערראַשט דיקן. אַרטור האָט דערציילט, אַז נעכטן איז ער בכלל דאָ נישט געווען, ווייל ער האָט נישט געקענט קו-מען אָן ברילן. ער האָט וועגן דעם טעלעפאָנירט צו קלער.

ווער האָט ביי אים געגנבעט די ברילן, קען ער זיך נישט פאָרשטעלן.

דיק האָט דאָס נישט געקענט אַריבערטראָגן. ער איז געוועזן אַנדערש דערצויגן. ווי קען מען אַזוי ליגן זאָגן! ער האָט דערזען, אַז אַרטור קלייבט זיך אַוועקצוגיין. דיק האָט געוואָלט אויסשרייען: „לאָזט אים נישט אַרויסגיין. אַרטור האָט געהרגעט קלער". אָבער ס'איז נישט קיין חלום און דיק האָט נישט געקענט רעדן אַזוי, ווי מענטשן.

דיק איז צוגעלאָפן צו דער טיר און האָט אָנגעכאַפּט מיט זיינע שאַרפע ציינער אַרטורן פאַרן פוס. דיק האָט נישט גע-הערט אַרטורס געשריי. ער האָט נישט געפילט, ווי דער פּאָ-ליציסט שלאָגט אים. ער האָט נאָר געטראַכט, אַז מען טאָר נישט אַרטורן אַרויסלאָזן פון צימער. ער האָט אַפילו נישט געהערט דעם שאָס, ער האָט נאָר דערפילט אַ ווייטיק. זיינע כּוחות זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט און ער האָט אַרויסגע-לאָזט פון זיינע ציינער אַרטורס פוס.

ליגנדיק אין זיין אייגן בלוט, האָט דיק געהערט, ווי מען טעלעפאָנירט צו אַ דאָקטאָר. פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז דעם דאָקטאָר רופט מען נישט פאַר אים, דעם איבערגע-געבענעם ערלעכן הונט, נאָר כּדי צו העלפן אַ שלעכטן מענטשן.

פּלוצעם האָט דיקס באַוווסטזיין דורכגעשטאָכן אַ גע-דאַנק, אַז ער שטאַרבט נישט קיין ערלעכער. ער שטאַרבט מיט אַ זינד. ער האָט געגנבעט פרעמדע ברילן. אמת, אַרטור איז אַ שלעכטער, אָבער דיק מוז זיין אַ גוטער. מיט די לעצטע כּוחות איז דיק אַרויסגעקראָכן פון צימער, אַרויסגעגראָבן אין גאָרטן די ברילן און געבראַכט זיי אַרטורן. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף אַרטורן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „נאַ, מענטש! לערן זיך פון מיר!"

דיק האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אַרטור האָט זיך אַזוי דערשראָקן.

אַ סך טראַכטן וועגן דעם האָט דיק נישט געקענט, ווייל אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דרייען פֿאַר זיינע אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז לעבן אים שטייט קלער און זאָגט צו אים: „דו ביסט אַן ערלעכער, דיק! איך האָב דיך ליב! דו ביסט אַזאַ, ווי איך האָב דיך געלערנט״.

דיק האָט שוין נישט געקענט פֿאַרשטיין, אַז ס'איז נישט דיווירקלעכקייט, אַפילו נישט קיין חלום.

ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין לעצטן אָטעם. דיק איז געשטאָרבן אַ גליקלעכער, געווען איבערצייגט, אַז קלער לעבט און רעדט מיט אים.

דאָס וואָרט

דער ענין פון אַלט-ווערן, פון שטאַרבן, האָט שטענ-דיק געעגבערט זיין מוח — נאָך פון קינדווייז אָן.

ער האָט אַלע מאָל געגלויבט, אַז מען שטאַרבט נאָר דאַן, ווען מען לעבט אָפּ די נאָרמאַלע צאָל יאָרן.

און דערפאַר פלעגט ער נישט באַמערקן די יעניקע, וואָס פלעגן אַוועקגיין פון דער וועלט פאַר דער נאָרמאַלער צייט און אויך דערפאַר האָט ער זיין גאַנצן לעבן מורא געהאַט פאַר אַלט-ווערן.

נאָך זייענדיק אַ יינגל פלעגט ער טראַכטן, אַז שרעקלע-כער פון אַלץ איז צו פייערן דעם דרייסיק-יאָריקן געבוירן-טאָג, ווייל דאָס נאָרמאַלע לעבן, האָט ער דאַן געטראַכט, דויערט בערך זעכציק יאָר, און נאָך דרייסיק הייבט זיך אָן די צווייטע העלפט, וואָס גייט שוין נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ.

היינט איז ער שוין איבער די זעכציקער און ער פירט שוין גאָר אַן אַנדער חשבון.

ער וויל זיך דערמאָנען: ווען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין נישט יונג, וויפל יאָר איז ער דאַן אַלט געווען?

אָבער ער געדענקט נישט.

ער געדענקט נאָר, אַז נאָך אַ יונגער מאַן, האָט ער זיך אַ מאָל געאיילט אויף אַ ראַנדעוווּ מיט אַ יונג מיידל. שטייענדיק ביי אַן אויטאָבוס-סטאַציע האָט ער דערהערט אַ קינדערשע שטים: „פּעטערל, וויפל איז דער זייגער?"

ביי וועמען פרעגט מען עס? ביי אים? ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געווען אַליין! הייסט עס — ער איז דער „פּעטערל".

אַ שווערער שטיין האָט זיך געלייגט אויף זיין האַרצן, ער האָט פּלוצעם דערפילט, אַז ער איז שוין נישט יונג.

און שפּעטער, שפּאַצירנדיק מיטן יונגן מיידל, האָט ער אָנגעהויבן צו פילן, אַז ער אָטעמט שווער, אַז אים איז שווער צו גיין, אַז ער איז נישט יונג, אַז ער איז שוין אַ „פּעטערל".

„וואָס איז מיט אייך?" — האָט דאָס מיידל געפרעגט — „ווּ איז אייער הומאָר? איר זעט היינט אויס, ווי אַן אַלטער ייד!"

הייסט עס, ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן עלטער. נישט פון יאָרן, נאָר פון אַ וואָרט, פון אַ וואָרט, וואָס אַ קליין ייִנגל האָט געזאָגט, גאָרנישט מיינענדיק.

נאָך דעם פאַל האָט ער אָנגעהויבן צו שעמען זיך פאַרלייגן יונגע מיידלעך זיך צו טרעפן מיט אים; וועגן טאַנצן איז שוין אָפּגערעדט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי לאַכן פון אים און ער פלעגט זיך שוין שלעכט פילן אין דער געזעלשאַפט פון יוגנט.

ער איז געוואָרן עלטער. זיין סביבה איז שוין געווען פון מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. מען האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק, מען האָט געשפּילט אין קאָרטן, מען איז געגאַנגען פרי שלאָפן. ער האָט געפילט, אַז ווען ער שלאָפט זיך נישט אויס, איז אים שווער צו אַרבעטן.

אָבער ער האָט זיך געהאַלטן. ער האָט געהאַט דערפאָלג
ביי יונגע פרויען, ער פלעגט מיט זיי טאַנצן אויף חתונות,
ער פלעגט זיך באָדן אין ים און יעדן חודש מעסטן זיין
בלוטדרוק.

בכלל האָט ער געפילט, אַז ער איז נישט יונג, אָבער נאָך
נישט אַלט.

נאָר גאָר נישט לאַנג צוריק איז געשען אַ מאָדנער פאַל,
וואָס האָט אים מיט אַ מאָל אַלט געמאַכט.

ער איז אַריין אין אַן אויטאָבוס, און איינער אַ העפלע-
כער מאַן האָט געזאָגט צו אַ דערביי זיצנדיקן ייִנגל, משמעות,
צו זיין זון: „יצחק, הייב זיך אויף, לאָז זיך זעצן דעם ייִדן!"

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מיינט אים. ער האָט נישט
געוואָלט פאַרשטיין, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען.

און ער האָט דערפילט, אַז ער איז אַלט; אַז אויב דער
קליינער יצחק וועט פאַר אים נישט באַפרייען דאָס אָרט,
וועט ער פאַלן. אים איז געווען שווער צו שטיין אויף די פיס.

ביי מיטיק האָט ער נישט געהאַט קיין אַפּעטיט און ביי
נאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן.

אים איז געווען קלאָר, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן
מיט אַ פאַלשן חשבון. נישט דרייסיק און נישט זעכציק זע-
נען וויכטיק.

אַ וואָרט, אַן אומדערוואַרט וואָרט! און קיינער קען
נישט דאָס וואָרט צוריקקערן.

מען גייט אין גאַס און מען גיט אַ רוף: „זיידע!" דו
מעגסט זיך נישט אומדרייען; דו קענסט זיך מאַכן נישט
הערן און גיין ווייטער; דו קענסט זיך איינרעדן, אַז מען
האָט גערופן אַן אַנדערן, נישט דיר.

אָבער קיין זאַך וועט שוין מער נישט העלפן.

דאָס וואָרט האָט געטראָפן אין ציל.

כ׳האָב שוין פאַרגעסן

איך האָב אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו וואַרפן אַ שטיין אין מיין פענצטער.

איך האָב שוין פון לאַנג געהאַט באַמערקט דאָס זיבן-יאָריקע יינגל מיטן געלאָקטן קאָפּ האָר און קלוגע טונקל-ברוינע, כמעט שוואַרצע, אויגן.

פון זיין גאַנצן גוף האָט געשפּראָצט עפּעס אַ מאָדנע ווילד-קייט, וואָס איז שוין אַריבער די גרענעצן פון שטיפעריי. און דאָס איז זייער געפערלעך, ווייל ס׳איז שווער פאַנאַנדערצו-טיילן אין באַזונדערע קעסטעלעך — שטיפעריי, ווילדקייט, חוצפּה, פאַרברעכן.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָב איך געפילט אַ גרויסע סימפּאַטיע צו דעם יינגל.

איך האָב נאָר נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ער האָט געהאַט צו מיר. איך האָב אויף אים קיין מאָל נישט גע-שריִען, נישט געטריבן פון מיין גאָרטן, אַפילו נישט געשטערט זיין שטיפעריי. און דאָך האָב איך געפילט, אַז אין דער נשמה פון דעם יינגל פינקלט אַ פייערל פון שׂנאה צו מיר, דווקא צו מיר.

צייטונגען פלעגט ער אַרויסשלעפן נאָר פון מיין פּאָסט-קעסטל, קלינגען אין טיר און גלייך אַנטלויפן — נאָר ביי

מיין וווינונג, רייסן בלומען און ברעכןביימער — אין מיין גאָרטן. און היינט אַ שטיין. און דווקא אין מיין פענצטער.

איך האָב אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

ער האָט נישט פּרובירט אַרויסצורייסן זיך. ער איז גע־שטאַנען אַנטקעגן מיר, געקוקט מיר גלייך אין די אויגן. איך האָב געפילט, אַז ער פאַרמאָגט אַ כּוח, וואָס קען באַ־הערשן, וואָס קען באַפעלן.

„ווי רופט מען דיך?" — האָב איך געפרעגט. איך האָב זיך באַמיט מאַכן אַ שטרענג פּנים און רעדן בייז.

„און וואָס אַרט דאָס אייך? איך דאַרף אייך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון?" — האָט ער חוצפּהדיק געענטפערט — „איך בין דאָך ביי אייך אין די הענט, טאָ רופט פּאָליציי!"

ער האָט דרייסט געקוקט אויף מיר און איך האָב גע־פילט, אַז אונטער זיין קוק ווערט שוואַכער און קלענער דער אויטאָריטעט פון מיין עלטער, מיין נאָמען, בכלל פון אַלץ וואָס שטייט העכער פון דעם קליינעם ווילדן חיהלע. און מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז אָט דאָס קליינע מענ־טשעלע איז מיר טייער, ער איז מיר נישט פרעמד, איך האָב אים שוין אַ מאָל ערגעץ־ווו געזען.

„ווי רופט מען דיך?" — האָב איך אויסגעשריִען.

מיין געשריי האָט געווירקט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן און שטיל אָנגערופן זיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען.

ביים אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען, איך האָב גע־מיינט, אַז איך האָב זיך פאַרהערט.

ס'איז אָבער געווען אמת.

ער האָט אָנגערופן מיין נאָמען. איך האָב אים דערקענט. ער איז געווען „איך" מיט פופציק יאָר צוריק. דערפאַר איז ער מיר געווען אַזוי טייער.

אָבער ער האָט מיך געהאַסט, ווייל איך האָב אים פאַר־געסן, ער האָט גענומען נקמה.

„דו ווייסט, ייִנגעלע, איך בין דו! דו פאַרשטייסט? דו ביסט איך — אַ מאָל!"

„דאָס ווייס איך" — האָט ער מיר שטיל געענטפערט — „אָבער דו האָסט אָן מיר פאַרגעסן, דו ביסט געוואָרן גרויס ביי זיך, דו האָסט פיינט קינדער. דו שרייסט אויף אַלע מייִנע חברים, אַז זיי טומלען, אַז זיי לאָזן דיך נישט שלאָפן. און ווי ביסטו אַליין געווען? קוק זיך איין אין מיר און דערמאָן זיך. דערמאָן זיך ווי דו פלעגסט גנבענען עפּל פון שכנס גאָרטן. דערמאָן זיך, ווי דו פלעגסט נישט לאָזן דורכ־גיין אין גאַס דעם אַלטן שטאָט־משוגענעם. ער האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר דיר. און נישט די שטיינער, וואָס דו פלעגסט אין אים וואַרפן, זענען געווען פאַר אים שרעקלעך, נאָר דיין געלעכטער, דער געלעכטער, פון אַ קלאָרן. דו שעמסט זיך מיט מיר, אָבער איך שעם זיך, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן אין דיר".

איך האָב דערזען, ווי ער הייבט ווידער אויף אַ שטיין און וויל וואַרפן אין מיין פענצטער.

עפּעס אַן אומבאַקאַנט געפיל האָט מיך אָנגעהויבן צו דריקן. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב דערהערט אַ בריאַזג פון צעבראָכע־נעם גלאָז און דערזען דעם שטיין, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין מיין צימער.

איך בין צוגעלאָפן צום פענצטער און דערזען דאָס אַנט־לויפנדיקע ייִנגל מיט די געלאָקטע האָר און טונקל־ברוינע, כמעט שוואַרצע, אויגן.

ער האָט זיך צונויפגעמישט מיט זיין חברה און איך האָב
שוין נישט געקענט געפינען אים צווישן דער מחנה יינגלעך.
איך האָב געוווסט, אַז דאָרטן, צווישן זיי, בין איך.
אָבער איך האָב זיך מער נישט געקענט דערקענען.
איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן.

אינהאַלט

בלומען	7
דער הייליקער ליגן	11
דער גליקלעכסטער	17
אַ ליבע	23
אַ שפּיל	29
אַ טרוים	35
אַ שפּאַס	43
די מתנה	49
אויסגעטראַכטער אמת	55
אַ מעשהלע	60
אַ טראַגיש-קאָמישע געשיכטע	67
בעריאָזקעלער	74
באָריס מאַטוועיעוויטש	81
יעקעלע	88
דיק	93
דאָס וואָרט	101
כ׳האָב שוין פאַרגעסן	104

"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE

24, ZANGWILL ST., TEL-AVIV, ISRAEL